בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קנ"ה

יו"ל: כ"א חשון ה'תשפ"ה לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**'מרכבו ארגמן תוכו רצוף אהבה'**

**א פרעמדער פייער**

**'אַן עצה דארף מען מיך פרעגן!'**

**'יש הבל אשר נעשה על הארץ'**

**פארעכטן די פינעף חושים**

**וואס טייטש 'ישיבה'?**

**ער קוקט יעדן איינעם אָן!**

**"דרך ארץ - דער רבי איז דא!"**

**פארדעקט דער זון**

**א זיסער שלאף**

**'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'**

**זיך קוילערן אין דער בלאטע**

**נישט געקענט ווארטן...**

**ס'קען נישט זיין רואיג**

**אַ פּראָסטער עבד**

**זיך אויסגעוואָרפן אין די הימלען**

**באהאלטן דעם גזר-דין**

מכון טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם,
וכמו־כן כדי לקבל את
הקונטרסים דרך הדואר (בכל
שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

**ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על־ידינו:**
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור**
**המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #155**

בס"ד

# תקעו-אמונה (ח"ב)

שיעור ליקוטי מוהר"ן, תמוז שנת תשל"ז

(טייפ מס' 253# - 255#)

## 'מרכבו ארגמן תוכו רצוף אהבה'

(שיעור בליקוטי מוהר"ן תניינא סימן ה' - "תקעו אמונה")

מיר האבן אויבן געלערנט (אות י') אז מכניע זיין דעם 'כח השד' איז דורך 'שמחה'. 'שמחה' גיט 'חיזוק' דעם 'מלאך', און מען איז מכניע דעם כח פון די שדים וואס זיי זענען רח"ל מחמם מיט דער טומאה. און דער רבי זאגט דארטן אז דער 'עיקר חיזוק המלאך' איז אין 'חודש ניסן'; וואלט דאך ראוי געווען אז אום 'ניסן' זאל אינגאנצן בטל ווערן די דאזיגע טומאה.

(אות י"א) זאגט דער רבי: "אבל יש שבא טומאה הנ"ל מבחינה אחרת. כי דע, שעל ידי רבנים ודיינים שאינם כשרים, שעושין עוות הדין, על-ידי-זה בא טומאה הנ"ל ח"ו" - די טומאה פון 'פגם הברית' קומט דורך 'עוות המשפט'. "כי על ידי 'עוות המשפט' - אז מען איז מעוות דעם משפט, "שהוא בחינת (תהלים קכב): 'כִּסְאוֹת לְמִשְׁפָּט'" [- 'משפט' הייסט 'כסאות למשפט'], "נופלים בחינת אהבות מן המרכבה".

אזוי אין דער 'מרכבה הקדושה' איז דא 'אהבה דקדושה', אבער אז מען איז פוגם אין דעם 'משפט', איז מען דאך פוגם אין דער 'מרכבה', דעמאלט איז 'נופלין בחינת אהבות' פון דער 'מרכבה', און עס ווערט 'אהבות נפולות'.

"כי 'כסאות למשפט' וואס דאס איז 'בחינת המרכבה', דארטן איז 'בחינת אהבה קדושה', בבחינת (שיה"ש ג): 'מֶרְכָּבוֹ אַרְגָּמָן, תּוֹכוֹ רָצוּף אַהֲבָה מִבְּנוֹת יְרוּשָׁלָיִם'". 'מרכבה' איז דאך 'כסאות למשפט', דארטן איז 'אהבה דקדושה'. אבער "וכשנפגם

המרכבה בחינת 'כסאות למשפט', וואס דאס ווערט נפגם דורך 'עוות הדין', אזי נופלין משם אהבות נפולות" - פון דער 'אהבה קדושה' ווערט 'אהבה נפולה'; זאגט דער רבי: "ועל־ידי האהבות הנפולות בא ח"ו החימום והטומאה הנ"ל".

דער רבי זאגט דא סודות - אה!

אז מען איז מעוות דעם 'משפט', איז א פגם אין דער 'מרכבה', פאלט אראפ די 'אהבה קדושה', ווערט עס 'אהבות נפולות' וואס דערפון נעמט זיך די 'טומאה הנ"ל'.

## א פרעמדע פייער

פון וואנעט נעמט זיך טאקע 'עוות המשפט'? "ועוות המשפט נעשה על־ידי בחינת 'תפילין רעים'".

אויבן האבן מיר געלערנט אז עס איז דא 'מוחין' פון 'תפילין'. זאגט דער רבי: "כי יש בחינת 'תפילין'-'מוחין' שיש בהם פסולת, כי התפילין-מוחין נעשין על־ידי שמעלין הליחות ושמנונית הגוף וואס מען איז מעלה פון 'החתים בשרו' וואס דאס איז 'פגם הברית', צו בחינת 'חותם דקדושה' - אט דאס איז 'תפילין-מוחין'".

כדי די 'ליחות' זאלן נישט ארויסגיין 'לחוץ', איז מען זיי מעלה צום 'מח'; ווערט פון 'החתים בשרו מזובו' - 'חותם דקדושה'.

זאגט אבער דער רבי: "ויש ליחות שצריכין לצאת בבחינת טיפת עשו וישמעאל; און אז מען איז מעלה די שמנונית פון 'החתים בשרו', צו דעם 'מח', ווערט אויסגעמישט 'פסולת' אין די 'מוחין והתפילין', ועל־ידי־זה ווערט 'קלקול המשפט'".

ווען מען קומט אהערצו ווייס איך גארנישט קיין פשט. "עס איז דא אזעלכע 'ליחות' וואס דארפן ארויסגיין 'לחוץ'", 'מען טאר זיי נישט מעלה זיין', 'אז מען איז מעלה די דאזיגע ליחות ווערט "תפילין רעים"' - וואס מיינט דא דער רבי?! מילא קעגן וואס עס איז געווען 'קליפת עשו וישמעאל', איז ווען 'ישמעאל' זאל ווען נישט זיין פריער, וואלט דאך בשום־אופן נישט געקענט זיין 'יצחק' - אבער וואס מיינט דא דער רבי 'למעשה'?

אויבן האבן מיר דאך געלערנט (אות ז') אז דער עיקר 'מח' איז דורך די 'ליחות הגוף', ווייל דער 'מח' איז אזוי ווי א 'נר דולק', ער מוז האבן 'שמנונית'. [דער 'מח' אליין איז אזוי ווי א 'נר' וואס ברענט, מוז ער דאך האבן 'שמנים'. א 'נר' אָן 'שמנים' קען נישט ברענען]. איז אז די 'ליחות שבגוף' גייען ארויף צום 'מח', ווערט 'שמנים אל המח', וואס דערפון איז דער מח 'דולק'. זאגט דער רבי, 'כמו כן' אז מען איז מכניע 'תאות ניאוף' און זיי גייען נישט ארויס 'לחוץ', נאר וואס דען, זיי גייען ארויף צום 'מח', דורכדעם ארבעט דער 'מח', דער 'מח' איז 'דולק'. רעדט דאך דער רבי פון 'גוטע געדאנקען', פון 'הייליגע געדאנקען', אט דאס דארף מען דאך מעלה זיין צום 'מח', דערפון ווערט דאך דער 'נר דולק'?! וואספארא 'שמנונית' איז מען מעלה צום 'מח'? 'גוטע געדאנקען' 'מחשבות קדושות'! מוז מען דאך זאגן אז די 'שמנונית' איז א מין - - 'מחשבות קדושות', א 'בענקאכטס צום אויבערשטן' - דאס הייסט 'שמנונית'. און (דא זאגט דער רבי), עס איז דא אזעלכע 'ליחות', אזעלכע 'שמנוניות'ן' וואס דאס טאר מען גארנישט מעלה זיין. דער רבי זאגט: "'רָשָׁע מַכְתִּיר אֶת הַצַּדִּיק' (חבקוק א)", עס ווערט דערפון אזעלכע מיני פארקרומקייטן - -

דער רבי זאגט, מען דארף מעלה זיין די 'שמנונית' צום 'מח', עס זאל נישט ארויסגיין 'לחוץ'. לכאורה וואס מיינט מען "שמנונית" וואס מען דארף דאס מעלה זיין צום 'מח'? נאר, דער רבי זאגט אין תורה ס"ב[א], 'אברהם' איז 'מימי החסד', דאס איז 'לחלוחית'. עס איז דא 'הנגבה' - א מין פארטריקנטקייט. און 'אברהם' איז די זאך פון 'ללחלח הנגיבה'. 'אברהם' איז 'מימי החסד', דאס איז אזא מין 'שמנונית', א מין ווארעמקייט, א מין געשמאקייט וואס מאכט א מין 'לחלוחית' - נישט פארטריקנט. און דאס דארף מען מעלה זיין צום מח.

(ויש לתרץ,) עס איז דא אזא מין סארט שמנונית וואס די שמנונית טויג גארנישט. עס שטייט דארטן ביים ברענונג פון 'נדב ואביהוא' - גרויסע צדיקים, "וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם"[ב]. קען מען פארשטיין - מסתמא האט אין זיי געברענט א

---

[א] אות ה': "וַיֵּרֶד אַבְרָהָם מִצְרָיְמָה", הַיְנוּ הוֹרָדוֹת מֵימֵי הַחֲסָדִים לְלַחְלֵחַ מֵצַר הַגָּרוֹן, לְהוֹצִיא אֶת הַגָּרוֹן מִבְּחִינַת "נִחַר גְּרוֹנִי". בִּבְחִינַת (שָׁם): "הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ הַנֶּגְבָּה", לְלַחְלֵחַ הַנְּגִיבָה, לְהִתְקַיֵּם (יְשַׁעְיָה נ"ח): "קְרָא בְגָרוֹן אַל תַּחְשֹׂךְ".

[ב] ויקרא י, א.

פייער! ארײנגעלאפן אין קדשי קדשים, געמאכט קטורת - אבער "ויקריבו אש זרה אשר לא ציווה אותם"! דעם 'אש זרה' וואס זיי האבן געהאט - דאס האבן זיי נישט געדארפט מאכן.

זיי זענען דאך געווען גרויסע צדיקים; אבער עס איז געווען א מין 'פן יהרסו'[ג], זיי האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן, זיי זענען ארײן אין קדשי־קדשים, געמאכט קטורת "אשר לא ציווה אותם" - דאס האט דער אויבערשטער נישט געהייסן, דעם 'אש זרה' האט דער אויבערשטער נישט געהייסן.

(קורא בפנים בליקוטי מוהר"ן סי' מ"א:) **דער רבי זאגט: "די 'התלהבות' פון א 'ריקוד' איז אַן 'אשה ריח ניחוח לה'". אבל מי שמרקד בהתלהבות היצר - אט דאס איז דער חטא פון 'נדב ואביהוא' שהקריבו 'אש זרה'".**

עס איז פארהאן אמאל אזא מין סארט התלהבות וואס די התלהבות טויג נישט, דאס טאר מען נישט מעלה זיין לה'. וועלכע? דאס דארף איך בעטן דעם אויבערשטן - איך וויים אליין נישט!

אזא מין התלהבות וואס טויג נישט - אז מען איז דאס מעלה לה' - ווערט דערפון 'תפילין רעים'.

זיי האבן געברענט! זיי זענען דאך געווען "נדב ואביהוא" וואס "בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ"![ד] אומעטום שטייט נאר דער חטא, זיי האבן קיין אנדער חטא נישט געהאט נאר דעם חטא, זענען זיי דאך געווען געוואלדיג גרויס! אבער די תורה רופט עס אָן "אש־זרה אשר לא ציווה אותם".

עס איז פארהאן אזא מין סארט שמנונית, אזא מין סארט ברענונג, א מין פלאקער, וואס דאס טאר מען נישט מעלה זיין צום מח; אז מען איז דאס מעלה צום מח, ווערט א פגם, ווערט 'תפילין רעים'.

---

[ג] ענין 'חטא נדב ואביהוא' שהיה בבחי' 'פן יהרסו' - עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הודאה ה"ו אות נ'; הל' שבת ה"ז נ"ב; הל' נדרים ה"ד אות ט"ז; הל' תרו"מ ה"ג אות ב'.

[ד] עיין ויקרא י, ג, וברש"י שם.

עס איז דא אזעלכע מיני זאכן וואס אים דאכט זיך אז ער ברענט, ער פלאקערט, אבער דאס איז גאר אַן "אש זרה אשר לא ציווה אותם", וואס אז מען וויל דאס מעלה זיין ווערט דערפון פגמים.

## 'אַן עצה דארף מען מיך פרעגן!'

דער רבי רעדט דא א שמועס פון 'פגם הברית', א שמועס פון 'החתים בשרו'; אז מען איז מעלה די 'שמנונית' צום מח, ווערט אויסגעמישט די פסולת אין די 'מוחין-תפילין', ווערט א 'קלקול המשפט', דער מח ווערט צעמישט.

עס איז פארהאן אזעלכע מיני ווארעמקייטן, אזעלכע מיני התלהבות'ן וואס דאס טאר נישט ארויפגיין צום מח, עס איז א פגם.

דארף מען בעטן דעם אויבערשטן, מען ווייסט נישט 'וואס', בפועל ממש ווייסט מען נישט וואס מען זאל טוהן.

"עס איז דא טיפות וואס דארפן גיין 'לחוץ'" - וואס מיינט דאס? ווי קען מען דאס פארשטיין?! מילא 'קליפת עשו וישמעאל' האט געמוזט זיין פריער, אז נישט האט נישט געקענט זיין קיין 'יצחק', עס האט נישט געקענט זיין קיין 'יעקב', ביי זיי - ביי די אבות הקדושים איז דאס געווען; אבער בפועל ממש זאלן זיין אזעלכע 'ליחות' וואס מוזן גיין 'לחוץ' וואס מען טאר זיי נישט מעלה זיין צום מח?! - דאס קען מען נישט טייטשן פראָסט. 'שמנונית' דא מיינט דער רבי עפעס א מין ווארעמקייט, א מין התלהבות, וואס די התלהבות טויג נישט, עס איז א מין 'אש-זרה' וואס אז דאס גייט אריין אין מח, מישט עס זיך אוים מיט דעם מח, ווערט דער מח צעמישט, ווערט אַן 'עוות המשפט'.

"וכשמעלין בחינת אלו השמנונית מבחינת החתים בשרו צום מח, ווערט אויסגעמישט פסולת אין די מוחין והתפילין, ועל־ידי־זה ווערט א קלקול המשפט, בבחינת 'רשע מכתיר את הצדיק'". "רשע" - טייטשט דער רבי, דאס איז די 'פסולת'. 'צדיק' מיינט מען די 'מוחין'. 'דער רשע רינגלט ארום דעם צדיק', דאס מיינט מען - די פסולת נעמט ארום די מוחין; "היינו הפסולת שמתערב ומסבב את המח על־ידי שמעלין בחינת טיפת עשו וישמעאל אל המח; על־ידי־זה נתקלקל המשפט".

"וזהו: 'עַל כֵּן יֵצֵא מִשְׁפָּט מְעֻקָּל'"[ה] - עס גייט ארויס א פארקרומטן משפט, עס גייט ארויס א 'משפט מעוקל'. "היינו קלקול המשפט".

"כי המשפט על ידי המח". אז דער מח איז א מח, דעמאלט גייט ארויס א ריינער משפט. "אזוי ווי עס שטייט ביי שלמה המלך (מלכים-א ג): 'כִּי רָאוּ כִּי חָכְמַת אֱלֹקִים בְּקִרְבּוֹ לַעֲשׂוֹת מִשְׁפָּט'. זעהט מען אז אויב עס איז דא די מוחין, חכמת אלקים, דעמאלט איז 'לעשות משפט'; "ועל־כן כשנפגם המח, נתקלקל המשפט".

מען פלעגט מצרף זיין צו דעם דער תורה מ"א, אז אויב די 'שמנונית' איז א התלהבות וואס טויג נישט, איז דאס אַן 'אש־זרה', דארף דאס גיין 'לחוץ', דאס טאר מען נישט מעלה זיין. אים דאכט זיך אז ער ברענט, ער פלאקערט, אבער דאס איז גאר א שלעכטע זאך. און וואס? אויף בפועל ממש וואס צו טוהן דארף מען בעטן דעם אויבערשטן.

עס איז דא אזעלכע געדאנקען וואס דערפון ווערט גרויסע קלקולים, עס ווערט מחלוקת'ן, עס ווערט קריגערייען, און ער מיינט גאר אז עס איז א גוטע זאך, אבער דאס וואלט ער ווען נישט געדארפט ארויפנעמען צום מח.

עס קען זיין אמאל ביי גרויסע עובדים אויך. (ר' נחמן טולטשינער) האט דאך אזוי געזאגט אויף זיי (- על אנ"ש טירהאוויצע) - **"ווי קום איך צו זייער עבודה?! נאר אַן עצה דארף מען מיך פרעגן!"**[ו].

עס איז פארהאן אזעלכע גרויסע עובדים, נאר פונדעסטוועגן, נישט יעדע זאך, נישט יעדע התלהבות זיינס, קען ער מעלה זיין צום מח - עס איז דא אזעלכעס וואס עס דארף ארויס 'לחוץ'. אים דאכט זיך אז ער ברענט, ער פלאקערט, עס גייט ארויף, אבער עס ווערט א תערובת, דער מח ווערט צעמישט, עס ווערט 'פגם המשפט'.

❖

---

[ה] סיום פסוק 'רשע מכתיר את הצדיק'.

[ו] עיין תוכן הענין ב'טעם זקנים' קונטרס פ'.

# 'יש הבל אשר נעשה על הארץ'

"ועל־ידי קלקול המשפט, בחינת משפט מעוקל, על־ידי־זה בא ח"ו טומאה הנ"ל כנ"ל. וזה מעֻקל אותיות עמלק", וואס עמלק איז פגם הברית, "שעל ידו בא הטומאה הנ"ל, בבחינת (דברים כה): 'אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ'".

זאגט דער רבי, דורך 'דיינים שאינם הגונים' וואס זיי זענען 'מעוות דעם משפט', ווערט 'פגם הברית'.

דער רבי זאגט[ז]: "יֵשׁ הֶבֶל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה עַל הָאָרֶץ"; עס איז דא 'הבלים' אין דער וועלט - יעדער איינער אטעמט דאך ארויין 'הבל'; עס איז דא 'הבלים דקדושה' - הבלים פון 'תורה ותפילה', און עס איז דא חלילה 'הבלים' פון שלעכטס וואס דאס גייט אריין אין דעם מענטש און עס קאכט זיך מיט אים. איז אפילו א מענטש איז נישט אזוי (שלעכט), אבער אז עס גייט אריין די שלעכטע הבלים אין אים, קומט אים שלעכטע געדאנקען.

"יש הבל אשר נעשה על הארץ"; עס איז דא אזעלכע זאכן, עס גייט אריין א חמימות אין דער וועלט אריין, א חמימות רח"ל פון אהבות הנפולות, און דערפון נעמט זיך די טומאה.

דער רבי איז דא מודיע סודות!

דער רבי איז מודיע סודות אז די טומאה נעמט זיך דערפון פון 'דיינים שאינם הגונים' וואס זיי זענען מעוות דעם משפט.

זאגט דער רבי: "וזהו (במדבר כד): 'וַיַּרְא אֶת הַקֵּינִי' 'וַיַּרְא אֶת עֲמָלֵק'", עס שטייט איינס לעבן אנדערן, "שהם סמוכים זה לזה בתורה. כי טומאה הנ"ל שהיא טומאת עמלק, היא באה על־ידי גרים".

---

[ז] ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א אות ח', וזל"ש: וְזֶהוּ (קֹהֶלֶת ח'): "יֵשׁ הֶבֶל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה עַל הָאָרֶץ" וְכוּ', זֶהוּ בְּחִינַת גִּלְגּוּלֵי נְפָשׁוֹת, כְּשֶׁאָדָם מִשְׁתּוֹקֵק לְאֵיזֶה דָּבָר, וּמוֹצִיא הִשְׁתּוֹקְקוּתוֹ אַחַר כָּךְ בְּהֶבֶל פִּיו כַּנַּ"ל, אֲזַי נַעֲשָׂה הַנֶּפֶשׁ. וְהַנֶּפֶשׁ הַזֹּאת הַיְנוּ הָרוּחַ מְמַלְּלָא, הוֹלֶכֶת בָּאֲוִיר, וּמַגִּיעַ לְאָדָם אַחֵר, וּמְעוֹרֶרֶת אֶת הָאָדָם אַחֵר לִתְשׁוּקָה. וּלְפִי הַתְּשׁוּקָה, לְפִי הַנֶּפֶשׁ, לְפִי הָרוּחַ מְמַלְּלָא, כֵּן נִתְעוֹרֵר הָאָדָם. אִם הַתְּשׁוּקָה בָּא מִצַּדִּיק לְרָשָׁע, אֲזַי נִתְעוֹרֵר הָרָשָׁע בְּהִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, בִּבְחִינוֹת: "יֵשׁ רְשָׁעִים שֶׁמַּגִּיעַ אֲלֵיהֶם כְּמַעֲשֵׂה הַצַּדִּיקִים". וְאִם לְהֵפֶךְ, לְהֵפֶךְ.

דער רבי רעדט דאך פריער אז די גרים ברענגען אריין 'גאוה', און פון 'גאוה' ווערט 'פגם הברית'. קומט אויס, הויבן הויבט זיך עס אָן פון 'גרים' גאר, "ככל המבואר למעלה".

❖

(ר' משה בינענשטאק: רבי נתן בעט טאקע אין דער תפילה דעם אויבערשטן אז די סארט שמנונית 'בחינת טיפת עשו וישמעאל' זאלן נישט ארויפגיין אין מח, ער זאגט נישט 'וואס'; קוקט אויס אז עס איז נישטא וואס צו טוהן בפועל, נאר ער בעט דעם אויבערשטן אז עס זאל נישט ארויף אין מח.)

מען קען דאך נישט טייטשן פראָסט 'שלעכטע געדאנקען'. דאס ווייסט מען דאך אז שלעכטע געדאנקען דארף מען פארטרייבן. נאר דער רבי זאגט "עס איז דא 'טיפת עשו וישמעאל'" - וואס מיינט דאס? מוז מען דאך זאגן אז דאס מיינט מען אמאל אפילו א גוטע זאך - און די זאך טאר איך נישט ארויפנעמען צום מח - עס ליגט דארטן עפעס א מין 'אש-זרה', מען טאר דאס גארנישט ארויפנעמען צום מח; "ויש ליחות שצריכין לצאת" מיינט, אז ער דארף דאס אוועקווארפן.

ווען איינעם קומט אים אָן א שלעכטן געדאנק, אז ער לאזט אים נישט אריינגיין, גייט ער אוועק, אבער אז ער האלט אים צו, גייט ער ארויף צום מח; זאל מען זיך מתגבר זיין מיט מחשבות קדושות, אזוי גייען זיי אוועק 'לחוץ'.

אבער דא מיינט נישט דער רבי 'מחשבות רעות', דער רבי רעדט דא אַן אנדער לשון: 'עס איז דא אזעלכע ליחות, אזעלכע שמנונית'ן, וואס מען טאר נישט מעלה זיין צום מח'. און אויבן זאגט דער רבי אז דער 'מח' איז א 'נר דולק', דער 'מח' ברענט נאר דורך די 'ליחות הגוף'. אז די 'ליחות' גייען נישט ארויס 'לחוץ', זיי גייען ארויף צום 'מח', דאס איז דער 'נר דולק', דערפון ברענט דער מח-תפילין.

זאגט דאך דער רבי, עס איז א גוטע זאך אז די 'שמנונית הגוף' גייט ארויף צום מח. און (דא זאגט דער רבי,) עס איז דא אזעלכע שמנונית'ן וואס טארן נישט ארויפגיין צום מח, זיי טאר מען נישט מעלה זיין צום מח. וואס מיינט די 'שמנוניות'ן'? מיינט מען

**מחשבות רעות? דאס איז דאך אַן אנדער שמועס?! הכלל, עס איז אזא זאך וואס מען דארף בעטן דעם אויבערשטן (כנ"ל)[ח].**

❖

## פאררעכטן די פינעף חושים

(חסר ההמשך עד אות י"ד באמצע[ט]) **"'שמיעה' הוא בחינת מה שהשי"ת שומע קול צעקות ותפילות ותרועת עמו ישראל ברחמים". אז דער אויבערשטער הערט דעמאלט 'צעקות ותפילות ותרועת ברחמים', ווערט שוין פארראכטן דעם 'חוש השמיעה' ביי יעדן איינעם אויך.**

**"ריח" איז דאך 'יראה', "זה בחינת (ישעיה יא): 'וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה'"'. ראש השנה איז 'יראה', מען בעט דאך דעם אויבערשטן: "ובכן תן פחדך ה' אלקינו על כל מעשיך" - גיב דיין פחד מען זאל מורא האבן פאר דיר - דאס איז דער ריח. 'ריח' איז יראת ה'.**

**פריער רעדט דער רבי - פון דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער 'הערט צו', דער אויבערשטער 'זעהט'. דא זאגט דער רבי - גיב דיין פחד 'על כל מה שבראת', אז אלע**

---

[ח] [עיין ביאור הליקוטים על תורה זו אות ט"ז: גם מבואר מדברי מוהרנ"ת בהלכות יום כיפור (הלכה ב' אות ד') שעל זה המאמר, קשר נפלא, **שבהשלכת החכמות וסילוק המוח** כדי לעבוד בפשיטות, **נשלכים ונסתלקים על ידי זה ממילא חלקי המוח שבטיפת עשו וישמעאל** [הנמצאים שם], אשר הנהגתם [וטבעם], בתכלית ההיפך, לבלי להתנהג רק בחכמות ולא בעובדות. ולא כן [נפשות ישראל, והעיקר] יחידי הדורות הנ"ל, המתנהגים בהיפך, ולסלק החכמות כנ"ל, על ידי זה בעצמו הם זוכים מזמן לזמן ומעת לעת, להשגות החכמה והמוח כפלי כפלים כמוב"פ].

[ט] להבנת הענין נעתיק פה מתחילת האות: וְזֶה בְּחִינַת: רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּפּוּר, סֻכּוֹת, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת. כִּי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא בְּחִינַת תִּקּוּן הָאֱמוּנָה, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים פ"ט): "אַף אֱמוּנָתְךָ בִּקְהַל קְדֹשִׁים", כִּי אָז נִתְקַבְּצִין כָּל הַקְּהִלּוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְלַקְּטִין וְנִתְקַבְּצִין כָּל לִקּוּטֵי הָאֱמוּנָה, בִּבְחִינַת: "אַף אֱמוּנָתְךָ בִּקְהַל קְדֹשִׁים" כַּנַּ"ל, וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה תִּקּוּן הַמֹּחִין כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה רֹאשׁ דַּיְקָא, כִּי נַעֲשֶׂה וְנִתְתַּקֵּן בְּחִינַת מֹחִין כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בְּחִינַת הַחֲמִשָּׁה חוּשִׁים שֶׁל הַמֹּחַ, שֶׁכֻּלָּם נִמְצָאִים בִּבְחִינַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כִּי יֵשׁ חֲמִשָּׁה חוּשִׁים בְּהַמֹּחַ, שֶׁהֵם: "רְאִיָּה, שְׁמִיעָה, רֵיחַ, טַעַם, מִשּׁוּשׁ" וְכֻלָּם נִמְשָׁכִין מֵהַמֹּחַ, כִּי מֵהַמֹּחַ נִמְשָׁכִין גִּידִין לְכָל אֵלּוּ הַחוּשִׁים, וְכָל אֵלּוּ הַחוּשִׁים נִמְצָאִים בִּבְחִינַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת רֹאשׁ וּמֹחִין כַּנַּ"ל: 'חוּשׁ הָרְאִיָּה' בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא בִּבְחִינַת (דְּבָרִים י"א): "תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה", בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה נִדּוֹן מַה יְּהֵא בְּסוֹפָהּ (כַּמּוּבָא בְּפֵירַשׁ"י שָׁם), שֶׁבְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה רוֹאֶה וּמַשְׁגִּיחַ עַל כָּל הַשָּׁנָה, מַה יְּהֵא בְּסוֹפָהּ, וְזֶהוּ בְּחִינַת 'חוּשׁ הָרְאִיָּה'.

זאלן מורא האבן פאר דיר. קען מען שוין פריער אויך אזוי זאגן, וויבאלד די 'ראייה' כביכול למעלה (ווערט נתגלה), ווערט שוין די 'ראייה' ביי יעדן איינעם פארראכטן, און אזוי די 'שמיעה'.

"'טעם' זה בחינת (בראשית כז): 'וַעֲשֵׂה לִי מַטְעַמִּים כַּאֲשֶׁר אָהַבְתִּי'". ראש השנה וויל דער אויבערשטער פארזוכן די מצוות וואס אידן טוהען א גאנץ יאר, "אזוי ווי עס שטייט אין תיקונים (תיקו"ז תיקון כ"א) - מפיקודין דעשה". מאך מיר 'מטעמים כאשר אהבתי - מפיקודין דעשה'. "היינו מה שהשי"ת טועם בראש השנה כל המעשים טובים של ישראל; וזהו בחינת חוש הטעם". דאס איז אויך וואס דער "אויבערשטער" איז טועם, ממילא ווערט שוין פארראכטן דעם טעם ביי "יעדן איינעם".

"'מישוש' הוא בידים, אזוי ווי ביי עבודה־זרה שטייט (תהלים קטו): 'יְדֵיהֶם וְלֹא יְמִישׁוּן'". 'פגם אמונה' און 'עבודה זרה' איז 'ולא ימישון'. 'מישוש' איז 'בידים'. דא איז טאקע יא 'ימישון'; "וזהו בחינת 'שיָּדו פשוטה לקבל שָׁבִים מראש־השנה עד יום הכיפורים' (ראש השנה יח), וזה בחינת חוש המישוש" - ווערט פארראכטן דער 'חוש המישוש'.

"נמצא שבראש־השנה הוא תיקון המוחין כנ"ל". די אלע ה' חושים איז דאך אלץ אין מח, איז ראש־השנה ווערן פארראכטן די אלע ה' חושים, דאס איז 'תיקון המוחין'.

"ועל ידי תיקון המוחין נעשין בחינת תפילין דמכסיין על מוחא". אויבן האבן מיר דאך געלערנט אז מען זאל צודעקן די מוחין, מען זאל מצמצם זיין דעם מח, עס זאל נישט זיין קיין 'פן יהרסו', ער זאל נישט ארויסגיין פון זיין 'גבול'. 'תפילין' איז 'מוחין'. און 'תפילין' איז מכסה אויפן מח עס זאל נישט זיין קיין 'פן יהרסו'.

"ועל ידי תיקון המוחין נעשין בחינת תפילין דמכסיין על מוחא, ווארום תפילין זענען התנוצצות המוחין".

"וזהו בחינת עשרת ימי תשובה. כי תשובה היא בחינת (ירמיה טו): 'אִם תּוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל'. וואס איז 'תשובה'? פון דעם 'זולל' גייט ארויס דעם אויבערשטנ'ס 'כבוד'. "וזהו בחינת 'תפילין' שנקראו 'יקר', כמו שאמרו 'ויקר' אלו תפילין כנ"ל. (כי התפילין נעשין על־ידי תיקון המוחין". ווי אזוי ווערן די תפילין? דורך תיקון המוחין. "שהם נעשין על־ידי שמתקנין ומעלין מבחינת 'החתים בשרו' לבחינת 'חותם

דקדושה". מען נעמט ארויס די מוחין פון 'החתים בשרו', פון 'פגם הברית', און מען נעמט עס אריין אין 'חותם דקדושה'. "בחינת מוחין תפילין כנ"ל. וזהו בחינת: 'אם תוציא יקר מזולל'. 'זולל' איז דאך 'פגם הברית'. 'יקר' דאס איז 'תשובה'. והבן נראה לי"). הכלל, די 'עשרת ימי תשובה' איז אויך די זאך פון 'תפילין', פון 'מוחין'.

"וביום כיפור דעמאלט איז דער גמר 'תיקון חותם דקדושה', שהוא בחינת תפילין, היפך 'חותם דסטרא אחרא', בבחינת: 'וביום צום כיפור יחתמון', דאס איז דער 'גמר החתימה'. "היינו שבעשרת ימי תשובה נעשה בחינת תיקון התפילין, וביום הכיפורים אז הוא גמר תיקונם, כי אז נגמר גמר תיקון חותם דקדושה, שהוא בחינת תפילין".

"סוכה זה בחינת תיקון המלאך". מיר האבן דאך אויבן געלערנט, אויב די מוחין זענען אפגעהיטן בייטאג, איז ביינאכט 'חלום על ידי מלאך'. 'סוכה' איז דער 'מלאך', 'סוכה' באטרעפט 'מלאך'. "כי סוכה בגימטריא מלאך, בחינת חלום על ידי מלאך, שנעשה על־ידי תיקון המוחין והתפילין".

דורכדעם וואס ראש־השנה יום־כיפור עשרת־ימי־תשובה ווערט דאך אלץ א תיקון המוחין והתפילין, איז מען סוכות זוכה צו 'חלום על ידי מלאך'. דערפאר איז טאקע זייער גרויס דאס שלאָפן אין סוכה, עס איז א גרויסע זאך, ווייל מען איז זוכה צו 'חלום על ידי מלאך'.

"ועל־כן סוכות הוא זמן שמחתנו, בחינת שמחה של תפילין, ליתן חיזוק להמלאך", ווי מען האט אויבן געלערנט, "כדי זיי זאלן נישט מזיק זיין די מאכלים, לקלקל את החלום".

"כי סוכות הוא חג־האסיף, שאוסף כל מיני מאכל". דעמאלט איז דאך א זמן פון אכילה. "דארף מען דעמאלט האבן 'שמחה' 'לחזק את המלאך', שזהו תיקון המאכלים, כנ"ל, ועל־כן סוכות הוא זמן שמחתנו, כנ"ל".

"שמיני עצרת זה בחינת מלכות, בחינת (שמואל-א ט): 'זֶה יַעְצֹר בְּעַמִּי' הנאמר במלך, שזה בחינת תיקון המשפט, בבחינת (תהלים עב): 'מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן', היינו בחינת תיקון המשפט המבואר למעלה, שעל־ידי־זה נתבטל טומאה הנ"ל כנ"ל. וזה בחינת מה שכתוב בכתבים, שבשמיני עצרת הנוקבא עוצרת הטיפה, היינו

בחינת תיקון טומאה הנ"ל". 'עוצרת הטיפה' - עס זאל נישט גיין 'לחוץ'. דאס איז דער תיקון הטומאה הנ"ל, "שנתתקן בחינת החתים בשרו על־ידי בחינות הנ"ל, ונעצרת הטיפה בקדושה, ואינה נשחתת בבחינת החתים בשרו ח"ו".

דאס האט דער רבי אלץ גערעדט פון די ה' חושים וואס עס איז דא ביי השי"ת.

❖

## וואס טייטש 'ישיבה'?

(אות ט"ו) "וזה בחינת רבי עם תלמידים; אז עס איז דא א 'רבי אמיתי עם תלמידים'" - אַן אמת'ער רבי מיט תלמידים, "על ידי זה נעשה ונתתקן גם־כן כל הבחינות הנ"ל. כי על ידי קיבוץ התלמידים אצל הרב" - אז די תלמידים נעמען זיך צונויף, זיי קומען צום רבי'ן, "על־ידי־זה נתקבץ ונתלקט חלקי האמונה".

"און דערפאר ווערט אנגערופן 'הלימוד הרב עם התלמידים' - 'ישיבה', על שם 'קיבוץ חלקי האמונה', וואס דעמאלט הייסט עס (שמות טז): 'אֶרֶץ נוֹשָׁבֶת'". אז די אמונה איז גאנץ, הייסט עס 'ארץ נושבת' - א מיושב'דיגע לאנד. "בחינת (תהלים לז): 'שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה'". עס איז 'שכן', 'נושבת', "היפך: 'אֶרֶץ לֹא זְרוּעָה' (ירמיה ב'), שהיא בחינת פגם אמונה".

'פגם אמונה' איז 'ארץ לא זרועה', עס איז נישט קיין 'ארץ נושבת'. דערפאר הייסט עס 'ישיבה', על־שם 'ארץ נושבת', ווייל דורך דעם רבי'ן איז מען זוכה עס זאל ווערן נתקבץ די אמונה. איז דער 'לימוד הרב מיט די תלמידים' הייסט 'ישיבה', דאס הייסט - 'א לימוד וואו עס ווערט פארראכטן דער אמונה'. 'אמונה' איז 'ארץ נושבת', דערפאר רופט זיך עס 'ישיבה'ׂ.

---

ׂ עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ה אות י"א: צְרִיכִין לָזֶה לִמּוּד גָּדוֹל לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר רַגְלֵי הַתְּמִימִים וְהַכְּשֵׁרִים בִּלְבּוּתָם וּלְהִשְׁתַּדֵּל כָּל יָמָיו לִהְיוֹת נִכְלָל בִּבְחִינַת הַיְשִׁיבָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁעוֹסֵק בַּלִּמּוּד הָאֲמִתִּי שֶׁל קִיּוּם הַתּוֹרָה שֶׁזֶּה הָעִקָּר לְהַכְנִיס אֱמוּנָה בָּעוֹלָם וּלְהוֹצִיא אֶת כָּל אֶחָד מִמְּקוֹמוֹת הַמְגֻנִּים שֶׁנָּפַל לְשָׁם. כִּי יֵשׁ בָּזֶה הֲלָכוֹת רַבּוֹת וַעֲמֻקּוֹת. וְכָל זֶה מְרֻמָּז בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל שֶׁכָּתַב שָׁם וְזֶה בְּחִינַת רַבִּי עִם תַּלְמִידִים שֶׁנִּקְרָא יְשִׁיבָה, עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב. וּמִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל חַיָּיו צָרִיךְ לֵילֵךְ עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו לְבַקֵּשׁ יְשִׁיבָה אֲמִתִּית כָּזֹאת שֶׁיּוּכַל לִזְכּוֹת עַל יָדָהּ לֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה וּלְקִיּוּם הַתּוֹרָה לְבַל יֹאבַד בְּתוֹךְ הַתְּהוֹמוֹת

"כי הרב הוא משגיח על חלקי האמונה של כל אחד ואחד, לקבצם ולהעלותם, בבחינת (תהלים קא): 'עֵינַי בְּנֶאֶמְנֵי אֶרֶץ לָשֶׁבֶת עִמָּדִי'. 'לשבת עמדי' דאס איז 'ישיבה', בחינת 'ארץ נושבת'". 'בנאמני ארץ' הייסט 'אמונה'. 'לשבת עמדי' דאס איז א לימוד פון 'אמונה', א 'ישיבה פון אמונה'.

"ועל־כן הגרים שנעשין על־ידי קיבוצי האמונה כמבואר לעיל, ווערן זיי אויך אנגערופן על־שם 'ישיבה', כמו שכתוב (במדבר כד): 'וַיַּרְא אֶת הַקֵּינִי וַיֹּאמַר אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ'". הייסט עס אויך 'ישיבה'. "עס שטייט אין 'תיקונים' (תיקון כ"א דף מ"ג), 'אית"ן' איז די אותיות תני"א"; ווייל פון וואנעט ביסטו געווארן א גר? ווייל "'תניא דמסייע לך', דער 'לימוד הישיבה' האט דיך געהאלפן דו זאלסט ווערן א גר".

אט דאס האט בלעם געזאגט (- פסוק הנ"ל). 'קיני' מיינט מען דאך 'יתרו'. 'דער לימוד הישיבה פון משה רבינו האט דיך געהאלפן אז דו ביסט געווארן א גר'. ער איז דאך געווען בלעם'ס א חבר, ער איז געווען פון די יועצי-פרעה - און פלוצלונג איז ער געווארן א גר. דער לימוד הישיבה פון משה רבינו האט אים געהאלפן. "כי לימוד הישיבה הוא מסייע לגרים - אז זיי זאלן ווערן גרים, כי הם נתגיירין על־ידי בחינת הישיבה כנ"ל".

"כי על־ידי רבי עם תלמידים שהוא בחינת ישיבה, על־ידי־זה נעשין גרים, על ידי שנתקבצין ונתלקטין חלקי האמונה. נמצא שבחינת אמונה ווערט פארראכטן דורך א רבי מיט תלמידים".

זאגט דער רבי: "גם נתחדש ונתתקן המח" - דורך א רבי מיט תלמידים ווערט פארראכטן דער מח, "כי מח התלמידים נתתקן ונתחדש על־ידי הרב" - דורך דעם רב ווערט פארראכטן דער מח התלמידים, "וגם מח הרב נתחדש על ידי התלמידים, כמו שאמרו (מכות י): 'ומתלמידי יותר מכולם'".

ראש־השנה איז 'תיקון המוחין' ביי אלעמען, עס איז א תיקון המח ביים רבי'ן, און תיקון המח ביי די תלמידים; דער 'מח הרב' ווערט נתחדש דורך די תלמידים, און די תלמידים דורכ'ן רבי'ן.

---

תַּחְתִּיּוֹת שֶׁנָּפַל לְשָׁם כַּאֲשֶׁר הוּא יוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ כִּי מִימוֹת אֲבוֹתֵינוּ לֹא פָּסְקָה יְשִׁיבָה מֵהֶם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה.

# ער קוקט יעדן איינעם אָן!

"ועיקר זמן הקיבוץ הוא בראש־השנה, שהוא בחינת ראש, שאז הוא בחינת תיקון המוחין כנ"ל, והם מאירין ומחזקין זה את זה". די ה' חושים וואס מען האט אויבן געלערנט, מאכן לייכטן און זענען מחזק איינער דעם אנדערן. "דהיינו, כי גם בהרב עם התלמידים כשמתקבצים, איז אויך דא די אלע ה' חושים של המח" וואס מען האט אויבן געלערנט.

"חוש 'הראיה'", זאגט דער רבי, "זה בחינת מה שרואין את הרב, בבחינת (ישעיה ל): 'וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ', וואס דאס איז א דבר גדול!" - זעהן דעם רבי'ן!

(השואל: און היינט?) היינט איז די ספרים! - דארטן ליגט דער 'פניו שכלו ונשמתו של הצדיק'![יא] ראש־השנה דארף מען דאך אוודאי מערער ליגן אין דעם.

דער טשעהרינער רב, אזוי איז ער תמיד געשטאנען פון אינדערפרי ביז נאכן דאווענען אויסגעדרייט מיט דער פנים צום וואנט, מען האט אים קיינמאל נישט געזעהן זיך אויסדרייען. א פולער מענטש איז דאך שווער, אבער ער איז געשטאנען מיט דער פנים צום וואנט. נאר ערב ראש־השנה פאר מנחה איז ער ארומגעגאנגען דעם גאנצן קיבוץ און האט יעדן איינעם אנגעקוקט - ער האט יעדן איינעם א קוק געגעבן דאס פנים, און געזאגט: "אט דאס איז 'ראית פני הצדיק'!"[יב].

מען האט שוין געוואוסט - "ער קוקט יעדן איינעם אָן!" פאר מנחה גייט דער רב ארום און יעדן איינעם קוקט ער אָן.

---

[יא] עיין פרפראות לחכמה על תורה ד' אות כ"ד. גם עיין חיי מוהר"ן אות רצ"ד.

[יב] עיין פרפראות לחכמה הנ"ל. גם עיין שם מה שכתב על תורה זו באות כ"ו: **גם חוש הראיה והשמיעה והטעם נתתקן גם עכשיו על ידי שמסתכלין על ציונו הקדוש ועל כלל הקיבוץ הקדוש המתאספין ומתקבצין אליו** והכל בכחו וזכותו הקדושה ז"ל, ובכל אחד מהקיבוץ בוודאי יש איזה בחינת הארה ונקודה הקדושה מה שקיבל על ידי התקרבותו אליו ז"ל, ועל ידי שנכלל גם כן בהקיבוץ הקדוש הזה נמצא שזה גם כן בכלל (ישעיה ל) והיו עיניך רואות את מוריך, בפרט שכבר מבואר בדבריו ז"ל בליקוטי הראשון בסימן קצ"ב ובסימן ר"ל שעל ידי שמקבל חכמת רבו ודברי אמת שלו על ידי זה הוא מקבל בחינת פניו. ועיין גם בסימן קנ"ג מענין קבלת פני תלמיד חכם, שתלמיד הגון כראוי זוכה לקבל פני הרב היינו שיתראה בתוכו פני הרב וכו'.

איך בין געווארן מקורב ע"ד, עס איז געווען פון נישט לאנג - עס איז געווען צוואנציג יאר נאך זיין הסתלקות, אלע האבן אים נאך געקענט. האב איך געהערט, ווען ער האט זיך אויסגעדרייט [אויף א קריאה צו-וואס] מיטן פנים צום עולם, האט דאס פנים געברענט אזוי ווי פייער!

דערפאר טאקע, די גדולים, זיי זעהען ער זאל זיין וואס מער פארדעקט, א 'מסוה על פניו'; איז ער געשטאנען מיטן פנים צו דער וואנט.

כ'האב געהערט אז ער פלעגט דאווענען 'ותיקין' ראש־השנה, נאר ער איז געשטאנען שמונה־עשרה א 'דריי-פיר שעה' כדי ער זאל האבן דעם שמונה־עשרה פון דעם עולם! ער האט זיך געשטעלט דאווענען צום טאג, און ער האט שמונה־עשרה אזוי לאנג געדאווענט - ביז דער עולם האט געהאלטן ביי שמונה־עשרה איז ער געשטאנען!

פון 'ותיקין' ביז דער עולם האלט ביי שמונה־עשרה איז א דריי שעה; ווען איז ראש־השנה 'ותיקין'? צוואנציג-נאך-פינף, מערער, פאר האלב-זעקס. און ווען האלט דער עולם ביי שמונה־עשרה? האלב-אכט צו דריי-פערטל צו אכט, איז דא עטליכע שעה...

(השואל: די גאנצע צייט האט ער געזאגט די שטילע שמונה עשרה?) ער איז געשטאנען מיטן פנים צו דער וואנט, מען האט נישט געהערט גארנישט, מיט א דביקות. טאמער האט ער זיך אויסגעדרייט, האט געברענט דאס פנים א געוואלד.

ער האט דאך געמאכט דעם "ירח האיתנים" וואו אין יעדער תורה ליגט "ראש־השנה". כ'האב געהערט טאקע, די ערשטע נאכט (ראש השנה) איז ער נישט געשלאפן... אז ער האט געמאכט דעם "ירח האיתנים", האט ער באקומען אזא מין סארט ברענונג, א פייער, אז די ערשטע נאכט איז ער געווען אויף.

דאס אייגענע איז געווען מיט דעם "יקרא דשבתא" אויך; אז ער האט געמאכט דעם "יקרא דשבתא", איז ער פרייטאג צונאכטס נישט געשלאפן... א גאנצע נאכט געווען אויף! ער האט געקאָכט אין שבת! ער האט נישט געקענט שלאפן - "שבת"! "שבת"! ער האט נישט געקענט שלאפן...

'א רב מיט תלמידים' נעמט ער 'מח' פון דעם רבי'ן!

עס איז געווען אמאל, רבי נתן האט געזאגט א הלכה, א גרויסע הלכה דארטן, הלכות פסח הלכה ט'. איז דארטן געשטאנען אַן עולם מענטשן, און מען האט געהאט א געוואלדיגע התפעלות פון דער הלכה. דער רב איז דעמאלט געווען נאך (יונג). ער איז אלט געווען ביי רבי נתן'ס הסתלקות לפי חשבון, ניינצן-צוואנציג יאר. און דעמאלט איז ער אלט געווען נאך יונגער. איז ער געשטאנען פונדערווייטנס אזוי.

האט רבי נתן באמערקט אז ער האט נישט אזא מין התפעלות פון דער הלכה. האט זיך רבי נתן אנגערופן צו אים: "עס קען זיין אז ווען דער רבי האט געזאגט - 'ער האט באנוצט 'זכות אבות' צו ארויסנעמען דיין זיידן קיין ברסלב'[יג], האט ער געמיינט 'דעך', און דו שטייסט גאר פון דערווייטן!..."

## "דרך ארץ - דער רבי איז דא!"

זאגט דער רבי ווייטער: "'שמיעה' הוא בחינות (איוב לו): 'וַיִּגֶל אָזְנָם לַמּוּסָר', דהיינו מה שכל אחד ואחד שומע המוסר של הרב". דער 'חוש השמיעה' איז 'הערן דעם מוסר פון דעם רב'. קומט אויס, ראש־השנה דארף מען נאך מער הערן דעם מוסר פון דעם רבי'ן[יד].

כ'האב געהערט, ר' פסח זאסלאווסקי - כ'האב אים שוין נישט געקענט, ער איז געווען דער גבאי אין שול ראש־השנה. אמאל א ראש־השנה דארטן נאך שחרית נאכן ליינען פאר מוסף, איז געווען עפעס א גערודער אין שול. האט ער א קלאפ געגעבן דער בימה: "**דרך ארץ - דער רבי איז דא!**".

ער האט געגעבן א קלאפ: "דרך ארץ - דער רבי איז דא!" - איז געפאלן א פחד! עס איז געווען אַן אמונה, מען האט געגלויבט! די אמונה איז געווען שטארק.

---

[יג] עיין הקדמת ספר חכמה ותבונה.

[יד] עיין פרפראות לחכמה על תורה זו אות כ"ו: **וכן חוש השמיעה** שנתתקן על ידי שכל אחד שומע המוסר של הרב זה, **שייך עכשיו גם כן**, דעל ידי ששומע ההתעוררות הגדול והקולות והצעקות והבכיות הגדולות מעומק הלב שיש אז בין כלל הקיבוץ **שאין צריכין מוסר גדול מזה**, כי מתפעל נפש הרואה והשומע גם מרחוק כידוע.

(ר' משה: ער איז געווען א גבאי? ער איז דאך געווען א טשעהרינער!?) **ראש השנה איז ער געווען דער גבאי אין שול.**

**"'ריח' דאס איז די טירחות והיגיעות שיש לכל אחד ואחד בשביל לנסוע ולילך ולבוא אל הרב" - די טירחות און יגיעות צו קומען צום רבי'ן דאס איז דער 'ריח', "בחינת** (שיה"ש ז)**: 'וְרֵיחַ אַפֵּךְ', בחינת** (קהלת ב)**: 'אַף חָכְמָתִי עָמְדָה לִי' - 'חכמתי שבאף עמדה לי'** (מדרש רבה קהלת סדר ב, עיי"ש במתנות כהונה)**". א פסוק איז דא אין קהלת: "אף חכמתי" - די חכמה וואס קומט אָן מיט 'אַף', מיט טירחה מיט יגיעה, די חכמה בלייבט איבער. "דהיינו על-ידי טירחות ויגיעות, כי אי אפשר לקבל מהרב כי אם על ידי טירחות ויגיעות".**

**איינער מיינט אז ס'איז אים גרינגער,** (איז בעסער)**; וואס ער האט מער טירחות און מער יגיעות, איז ער מער מקבל - און ער זוכט נאר ס'זאל אים זיין וואס גרינגער...**[טו]

**- "וזה בחינת חוש הריח".**

**זאגט דער רבי: "'טעם', זה בחינת מה שכל אחד טועם ומרגיש מתיקות אמרי נועם של הרב" - ער פארזוכט און ער איז מרגיש, ער פילט א זיסקייט אין די 'אמרי נועם של הרב', אט דאס דארף זיין א תלמיד!**[טז]

**אט דאס הייסט א תלמיד ביי א רבי'ן!**

**"'מישוש', זה בחינת ידים כנ"ל, זה בחינת ההוצאות שיש לכל אחד, מה שכל אחד מוציא יגיע כפו על הוצאות לבוא להרב. וזה בחינת 'מישוש', בחינת ידים,**

---

[טו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קפ"ה: אָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל, שֶׁכָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וּגְדוֹלוֹת, כְּגוֹן מֵאָבִיו וְאִשְׁתּוֹ וְחוֹתְנוֹ אוֹ מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁמּוֹנְעִים וּמְעַכְּבִים אוֹתוֹ מְאֹד וּמְנִיעוֹת מֵחֲמַת מָמוֹן וּשְׁאָרֵי מְנִיעוֹת וְעִכּוּבִים וּבִלְבּוּלִים, שֶׁמִּשְׁתַּטְּחִים לְפָנָיו וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ מְאֹד, וְהוּא צָרִיךְ לְהִתְיַגֵּעַ וְלִטְרֹחַ מְאֹד לְשַׁבְּרָם, כָּל אֵלּוּ הַיְגִיעוֹת וְהַטְּרָחוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת, הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם, כִּי עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה, **כִּי עַל יְדֵי הַיְגִיעוֹת שֶׁבַּתְּחִלָּה נַעֲשֶׂה הַכְּלִי וְכָל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ יוֹתֵר יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וְכוּ' יֵשׁ לוֹ כְּלִי גָּדוֹל בְּיוֹתֵר לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ בְּתוֹכוֹ שֶׁפַע קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

[טז] עיין שיחות הר"ן אות רנ"ב: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר: **כְּשֶׁמְּקֹרָבִים לְצַדִּיק הָאֱמֶת, טוֹעֲמִים טַעַם גַּן עֵדֶן** כִּי אִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (ב' קס"ו) שֶׁהַצַּדִּיק הוּא גִּנְּתָא דְּגִינְתָא.

בחינת 'יגיע כפו'. נמצא, שגם כאן" - דאס הייסט - ביים רבי'ן, "ווערט אויך פארראכטן די ה' חושים אזוי ווי ביי ראש־השנה, והם מאירין ומחזקין זה את זה".

ווייזן ווייזט דאך אויס, ביים רבי'ן איז דאך תמיד דא די זאך, נישט נאר ראש־השנה, און אויבן רעדט דאך דער רבי (פון די ה' חושים וואס איז דא) נאר פון ראש־השנה, נאר ראש־השנה קומעןביידע זיך צוזאמען, אי ביים רבין, אי עס איז ראש־השנה; "הם מאירין ומחזקין זה את זה".

דער 'רבי עם תלמידים' דאס רעדט דער רבי נישט נאר פון ראש־השנה, אבער אז עס איז דא ביידע צוזאמען, אי 'ראש־השנה', אי 'רבי ותלמידים', איז 'מאירין ומחזקין זה את זה'.

(ר' משה: דער וואס האט געוואוינט ביים רבי'ן, ווי האט ער די טירחות ויגיעות?) דער רבי זאגט "יגיע כפו"; קען אפשר זיין, דאס מיינט 'מרבה זיין בצדקה' מערער.

כ'האב געהערט אז מען פלעגט זיך פירן אז די וואס האבן געוואוינט אין אומאן האבן צעטיילט צדקה וויפיל עס דארף קאסטן די הוצאות. די הוצאות האט געקענט קאסטן אפאר הונדערט פונט. עס איז געווען (וואס זענען געקומען) פון גאר ווייט אויך, דער האט געוואוינט אין קאווקאז (וכדו'). האט מען צעטיילט צדקה-געלט וויפיל עס דארף קאסטן די הוצאות. דער רבי זאגט דא: 'יגיע כפו' - מען גיט אוים געלט.

"נמצא שגם כאן נתתקן בחינת הה' חושים כמו בראש־השנה, והם מאירין ומחזקין זה את זה; אמאל ווערן נחלש די ה' חושים פון ראש־השנה, ונתחזקין על-ידי אלו הה' חושים של הרב עם התלמידים, וכן להיפך".

"גם בחינת תפילין, שהוא חותם דקדושה, ווערט אויך פארראכטן" דורך דעם רבין, "בבחינת (ישעיה נח): 'חֲתוֹם תּוֹרָה בְּלִמֻּדָי'"; דורך די לימודים פון דער ישיבה פון דעם רבי'ן, ווערט אויך דער 'חותם דקדושה'.

❖

# פארדעקט דער זון

"וזה בחינת מה שאמרו רז"ל (כתובות קו): 'כד הוו קמו רבנן ממתיבתא דרב הונא'". אמאל איז דאך געווען, מען איז געזעצן אינדרויסן אויף דער ערד. דער רבי איז געזעצן אויף א שטיין, אבער אלע תלמידים זענען געזעצן אויף דער ערד. רב הונא האט געהאט עפעס איבער צוויי-טויזנט תלמידים (גמרא שם). "הוו נפצי גלימייהו" - האבן זיי אויסגעקלאפט די מלבושים פון די שטויב, "וסליק עני" - איז ארויפגעגאנגען אַן עָנן, "וכסי ליומא" - און עס האט פארדעקט דער זון לפי שעה.

- אזוי פיל תלמידים איז געווען - אז ווען זיי האבן זיך אויפגעהויבן און זיי האבן אויסגעקלאפט די מלבושים פון די שטויב, איז געווארן אזא ענן אז עס האט פארדעקט דער זון.

זאגט דער רבי אזוי: "היינו כשהיו קמים התלמידים מהישיבה של רבם רב-הונא, הוו נפצי גלימייהו, דאס מיינט מען די 'לבושים', דאס איז די 'גדלות'". דורך דער ישיבה פון רב-הונא האט מען זוכה געווען צו אמונה, האבן זיי אויסגעקלאפט דאס גדלות, עס איז בטל געווען דאס גדלות.

"עס שטייט (תהלים צג): 'ה' מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ'". דער מלבוש פון גאוה איז נאר שייך צום אויבערשטן אליין. דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, דאס איז זיין מלבוש. קומט אויס, 'גלימייהו' איז מרמז אויף 'גדלות'. "היינו שהיו מנפצין ומסלקין הגאוה" - זיי האבן אויסגעקלאפט און אוועקגעמאכט דער 'גאוה'. "כי על ידי הישיבה של הרב עם התלמידים ווערט פארראכטן דער חותם דקדושה, וואס דאס איז דער היפך פון גאוה".

מיר האבן אויבן געלערנט (אות ז'), "גאוה אפיקי מגינים סגור חותם צר" - די מגינים ציהען ארויס דער 'גאוה' און פארמאכן דעם 'חותם צר', עס ווערט א 'חותם דקדושה'; 'חותם דקדושה' איז דער היפך פון 'גאוה'.

"וזהו: 'גלימייהו'. גלמי ראשי תיבות: 'ה' מלך גאות לבש', בחינת הגאוה כנ"ל. זיי האבן דאס מכניע געווען 'וסלקו אותה'". דורך דער ישיבה פון זייער רבי'ן רב-הונא האבן זיי מכניע געווען דער גאוה. אז מען קלאפט אויס דער גאוה - זאגט דער

רבי - "גאוה אפיקי מגינים" - איז "סגור חותם צר", ווערט די זאך פון 'תיקון הברית'. "וזהו: 'וסליק ענני', דאס מיינט מען בחינת 'תיקון הברית', שמסלקין ומעלין בחינת 'החתים בשרו' לבחינת 'מוחין-תפילין'. וזהו: 'וסליק ענני' בחינת (בראשית ט): 'וְהָיְתָה הַקֶּשֶׁת בֶּעָנָן', בחינת תיקון הברית".

אז מען האט אויסגעקלאפט דער גאוה, איז געווארן דער 'חותם צר' פארמאכט, איז געווארן דער 'חותם דקדושה', איז געווארן די זאך פון 'ענן' 'תיקון הברית'. "וזהו: 'ענן' ראשי תיבות: 'נְ'דִיבֵי עַ'מִּים נֶ'אֱסָפוּ' (תהלים מז), דאס איז 'גרים', כי על-ידי תיקון הגרים נעשה תיקון הברית כנ"ל".

אזא רבי "רב הונא"! א הייליגע ישיבה איז געווען דארטן! אז זיי האבן אויסגעקלאפט דער גאוה, האט געשיינט די זאך פון 'תיקון הברית', איז אוועקגעגאנגען דער 'חותם צר', איז געווען דער 'חותם דקדושה'.

"ואזי כשנעשה תיקון הברית, דהיינו אז מען האט מעלה געווען פון דעם 'החתים בשרו' צו 'חותם דקדושה', צו 'מוחין', אזי נעשה בחינת תפילין דמכסיין על מוחא (עיין תיקון ס"ט דף קט"ו). וזהו: 'וכסי ליומא', דהיינו שמשא, היינו בחינת תפילין דמכסיין על מוחא שהוא בחינת שמשא".

"תפילין דמכסיין על מוחא"; לכאורה תפילין איז דאך מוחין!? נאר דער רבי זאגט אויבן, אפילו מען איז שוין זוכה צו מוחין, דארף מען זעהן צו מכסה זיין עס זאל נישט זיין קיין 'פן יהרסו'. דער רבי זאגט אז אפילו בקדושה טאר מען נישט ארויס פון דעם גבול. אט דאס איז "תפילין דמכסיין על מוחא", די תפילין איז מכסה אויף דעם מח אז דער מח זאל זיין מיט א מידה, דער מח זאל נישט ארויסגיין 'חוץ לגבול'; אז דער מח גייט ארויס 'חוץ מן הגבול' טויג אויך נישט, דאס איז אויך 'פגם המוחין'.

"וזהו: 'וכסי ליומא', דאס מיינט מען דער 'שמשא', היינו בחינת תפילין דמכסיין על מוחא שהוא בחינת שמשא, בחינת משה, בחינת (בבא בתרא עה): 'פני משה כפני חמה', כי משה הוא הדעת". דערציילט דער רבי וואספארא מין ישיבה דאס איז געווען - א הייליגע ישיבה!

❖

# א זיסער שלאף

זאגט דער רבי: "וכנשתתקן המח" - אז דער מח ווערט פאררעכטן, "בבחינת משה, בחינת תפילין, אזי גם בבחינת הסתלקות משה, דהיינו כשנסתלקין המוחין", דאס מיינט מען 'שינה', "אזי גם הרשימה שנשאר שהיא בחינת שינה, היא טובה גם־כן מאד".

א מענטש וואס בשעת ער איז וואכעדיג איז די מוחין 'בחינת משה', 'בחינת תפילין', איז בשעת 'הסתלקות משה', דאס הייסט, בשעת ער שלאפט, איז די רשימה וואס איז געבליבן איז אויך זייער גוט.

"בבחינת (קהלת ה'): 'מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד' ראשי־תיבות 'משה'"; עס איז זיס דאס שלאף פון דעם 'עובד'. 'עובד' איז בשעת ער איז וואכעדיג, דעמאלט איז 'בחינת משה', 'תפילין'. און 'בשעת שינה' איז אויך זייער גוט.

זאגט דער רבי: "כי לפעמים נסתלקין המוחין אצל הרב, וכן אצל התלמידים, כי אין המוחין קבועים תמיד. ובשעת ההסתלקות", נישט נאר הסתלקות ממש, נאר אז די מוחין הערן אויף צו שיינען, עס בלייבט נאר די רשימה, "אזי הוא בחינת הסתלקות משה, שהוא הדעת, בחינת שינה".

דער רבי זאגט, אמאל איז די הסתלקות המח ביים צדיק, און אמאל ביי די תלמידים, און דעמאלט איז 'בחינת שינה'. אבער "על ידי תיקון המוחין על ידי הישיבה כנ"ל, איז אפילו בשעת הסתלקות הדעת, וואס דאס הייסט 'בחינת הסתלקות משה', בחינת שינה, איז אויך די 'שינה' 'מתוקה וטובה'" - א זיסער שלאף, "בבחינת: 'מתוקה שנת העובד'". אז דער מח איז אפגעהיט בשעת ער איז וואכעדיג, ער האט הייליגע מוחין-תפילין, איז אפילו בשעת'ן שלאף איז דאס אויך א זיסער שלאף.

"כי על ידי תיקון המוחין בבחינת משה, על־ידי־זה הוא תיקון השינה, בבחינת חלום על ידי מלאך כנ"ל. וזהו 'מתוקה שנת העובד' - 'מתוקה' דייקא, בחינת 'מיין מתיקין', בחינת תיקון הברית שהוא בחינת 'מיין מתיקין' (כמובא בליקוטי קמא סי' נ'), היפך פגם הברית שהוא בחינת 'מיין מרירין'". דער עיקר מרירות איז פגם

הברית, "שהוא בחינת פגם טומאה הנ"ל ח"ו, אבל על ידי תיקון המוחין כנ"ל, על ידי זה השינה מתוקה בבחינת 'מיין מתיקין', בחינת תיקון הברית".

אויבן האבן מיר געלערנט אז די מאכלים האבן אויך א חלק אין דעם שלאף; "וזהו (סיום הפסוק 'מתוקה שנת העובד'): 'אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל', היינו, אז דעמאלט איז אים שוין נישט מזיק די אכילה שעל ידה בא ח"ו טומאה הנ"ל בחלום בשינה כנ"ל; וויבאלד אז ער האט פארראכטן 'בחינת השינה' דורך 'תיקון המוחין', זענען שוין די מאכלים נישט מזיק".

"אם מעט ואם הרבה יאכל"!

"כי על ידי תיקון המוחין, גם השינה שהיא בחינת הסתלקות הדעת, היא גם כן טובה ומתוקה מאד כנ"ל".

און דער עסן איז אויך א גוטער עסן. אז דער מח איז פארראכטן, איז שוין די אכילה אויך אַן 'אכילה דקדושה', איז 'אם מעט ואם הרבה יאכל', עס איז אים שוין נישט מזיק די אכילה.

אויבן האט מען געלערנט אז דורך די מאכלים קען מען באקומען די טומאה הנ"ל; אבער דורך 'תיקון המוחין' איז אים נישט מזיק די 'אכילה', און דער שלאף איז א זיסער שלאף; דאס עסן מאכט נישט קאליע דעם שלאף.

❖

## 'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'

קומט פון דאנעט אויס, 'הסתלקות המוחין' איז עפעס א מין 'ירידה', די מוחין ווערן נסתלק. זאגט אבער דער רבי: "כי באמת צריכין דייקא לסלק את המוחין" - אמאל דארף מען דייקא אוועקלייגן דעם מח. "כי צריכין להשליך כל החכמות ולעבוד את ה' בפשיטות. כי צריך שיהיו מעשיו מרובין מחכמתו (אבות פ"ג), 'ולא המדרש הוא העיקר אלא המעשה' (שם פ"א), ועל-כן צריכין לסלק כל החכמות, ולעבוד את ה' בפשיטות, בלי שום חכמות". און דאס הייסט 'הסתלקות המוחין' - אוועקלייגן דעם מח און דינען דעם אויבערשטן בפשיטות אזוי ווי א פראסטער 'עבד'.

"לא מיבעיא חכמות של שטות של סתם בני אדם" - דאס דארף מען אוודאי אוועקליינן, "אלא אפילו חכמות גמורות, אפילו מי שיש לו מח גדול באמת, כשמגיע לאיזה עבודה, דארף ער אוועקווארפן אלע חכמות, ולעסוק בעבודתו יתברך בפשיטות".

דער רבי האט נישט געהאלטן מען זאל דאווענען מיט כוונות![יז] אפילו ער האט א גרויסן מח, אבער בשעת עבודה דארף ער אוועקווארפן אלע חכמות און דינען דעם אויבערשטן בפשיטות.

"וצריך אפילו להתנהג ולעשות דברים שנראה כמשוגע בשביל עבודת ה', בבחינת (משלי ה): 'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'". טאקע דוד המלך האט געטאנצט, ער האט אויפגעהויבן די פאָלעס און געטאנצט פארן אויבערשטן!

פונעם אר"י הקדוש שטייט[יח], דער אר"י הקדוש האט געוויזן די חברייא אלע 'שבעה רועים' - אבער 'דוד המלך' נישט, דוד המלך האט ער זיי נישט געוויזן. (והפצירו בו:) "רבי, ווייזט אונז דוד'ן!" - "איך וויל אייך נישט ווייזן, ווייל איר וועט זיך צעלאכן; אז איר וועט מיר זאגן אז איר וועט זיך נישט צעלאכן - וועל איך אייך ווייזן!".

---

[יז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"כ; שיחות הר"ן ע"ה.

[יח] עיין עמק המלך הקדמה ג' פרק ז': עוד אכתוב מעשה נורא אחת מן האר"י זלה"ה, פעם אחת אמר לתלמידיו ביום שבת קודש, אם תקבלו עליכם שלא תדברו כלום בבית הכנסת בשחרית, עד אחר יציאת בית הכנסת, ולא ימלא אחד מכם פיו בשחוק מכל מה שתראו. כי אני אתפלל עמכם היום לפני התיבה, ואקרא לספר תורה השבעה רועים, והשיבו התלמידים אליו, אנחנו מקבלים עלינו בשמחה, מכל מה אשר צוית עלינו. ואמר להם רואה אני ברוח הקודש שאחד מכם יהיה נענש על שישחוק, והם הפצירו בו מאוד, עד שעשה את רצונם, וקרא את אהרן להכהן ובא וקרא עצמו הפרשה שלו, ואמר הברכה בתחילה ובסוף, וכן משה במקום לוי וקרא הפרשה שלו ואמר הברכות והלך לו. וכן אברהם יצחק יעקב וכן יוסף הצדיק קראו להיותו ששי, עד לשביעי קרא דוד בן ישי, והיה מראה עצמו, מרקד ומשחק מפזז ומכרכר בכל עוז, לפני ארון ברית י"י, והוא חגור אפוד ומעיל בד על מתניו. והנה מיכל נענשה על זה מפני ששחקה בלבה ואמרה, 'מה נכבד היום מלך ישראל אשר נגלה היום לעיני אמהות עבדיו כהגלות נגלות כאחד הריקים' [שמואל ב' ו' כ']. והיא לא ידעה הסוד הגדול הזה והנורא ... ומפני שניצוץ דוד היה ממלכות הנקראת נשר, וכיון שראה התורה שבכתב, רקד כנגדה בשמחה גדולה בכל עוז, וכן בכל פעם שרואה את התורה. ולכן מיכל בת שאול נענשה על זה, וגם תלמיד זה ששחק נענש ומת באותה שנה, כי כן דרך הכסילים לשחוק על מה שאינם מבינים, אוי לו ואבוי לו שיהיה נענש על זה.

דוד המלך, אז מען ווייזט אים, זעהט מען אים ווי ער הויבט די מלבושים און טאנצט פארן אויבערשטן!

ביים אויבערשטן איז אזוי חביב די זאך, אז ווער עס איז זוכה צו זעהן דוד׳ן, זעהט אים נאר מיט דעם לבוש.

א קלייניקייט - א מלך?! - די גאנצע וועלט האט פאר אים געציטערט! האט ער געהויבן די מלבושים - די פּאָלעס, און געטאנצט, געמאכט אזעלכע קונצן, ״באהבתה תשגה תמיד!״.

מען ווייזט אים נאר מיט דער בחינה.

האט ער זיי געוויזן, און איינער האט זיך צעלאכט.

ער האט נישט געוואלט ווייזן דעם לבוש פון דוד המלך ווייל מען וועט זיך צעלאכן.

״׳באהבתה תשגה תמיד׳; שבשביל אהבת ה׳ צריכין לעשות דברים הנראין כשגעון כדי לעשות מצוותיו ורצונו יתברך״, אַה!

ביים אויבערשטן איז אזוי חביב דער זאך; מיט אזא מין אמת, מיט אזא מין פשיטות האט דוד דאס געטוהן, אז ווען מען איז אים זוכה צו זעהן - זעהט מען אים נאר מיט דער בחינה.

## זיך קוילערן אין דער בלאטע

זאגט דער רבי: ״כי צריכין להתגלגל בכל מיני רפש וטיט״. דעם ראש־השנה איז דער רבי געגאנגען צו תשליך, און עס איז געווען א מין בלאָטקעלע, האט ער זיך געגעבן א גליטש און ער איז געפאלן, האט זיך אויסגעשמירט דעם מלבוש, און מען האט געביטן און געגעבן דעם רבי׳ן אַן אנדער מלבוש[יט]. דערמאנט שוין דער רבי אין דער

[יט] עיין כל זה בחיי מוהר״ן אות מ״א; ימי מוהרנ״ת ח״א אות ל״ז.

תורה "כי צריכין להתגלגל בכל מיני רפש וטיט". דער רבי איז שוין דעמאלט געווען זייער שלאַף.

**"כי צריכין להתגלגל בכל מיני רפש וטיט בשביל עבודת ה' ומצוותיו יתברך". א מנהג פון תשליך!**

דעמאלט איז נאך געווען אין ברסלב, תק"ע. מסתמא איז מען געגאנגען צום (טייך) "בוג". אפילו צוליב א מנהג דארף מען זיך ווארפן 'ברפש וטיט'.

דער עיקר, רבי נתן רעדט אין א הלכה[כ], דער אמת'ער צדיק איז דבוק אין דעם אויבערשטן, זיינע השגות זענען ממש 'גנזיא דמלכא'; מען קען עפעס אויסמאלן וואספארא 'השגות אלקות' ער האט?! - און צוליב א טובה טוהן א מענטשן, ארויסנעמען אים פון זיין שאול תחתיות וואו ער ליגט, מוז ער זיך אריינלאָזן אין דעם צינור וואו ער איז, און צעברעכן דעם צינור.

דער רבי דערציילט אין דער מעשה פון דעם "בערגער ועני"[כא]. דער בערגער איז אריינגעגאנגען צום גענעראל אין שטוב אריין, דארט אין דער 'אבי אבות הטומאה', ארויסנעמען א נשמה פון דארטן.

---

[כ] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו אות כ': וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ כָּל כָּךְ **וְגִלְגֵּל אֶת עַצְמוֹ בְּכָל מִינֵי רֶפֶשׁ וָטִיט** בִּשְׁבִיל רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, **דְּהַיְנוּ שֶׁעָסַק עִם בְּנֵי אָדָם הַמְטֻנָּפִים וּמְלֻכְלָכִים מְאֹד בְּמַעֲשֵׂיהֶם, רַחֲמָנָא לִצְלַן**, וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עַל עַצְמוֹ, וַאֲנִי יָדִי מְלֻכְלֶכֶת בְּדָם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי וְכוּ'. וּבַכֹּחַ הַזֶּה אֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא בְּתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט אֲפִלּוּ בִּמְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים בִּמְצוּלוֹת יָם בַּתְּהוֹם תַּחְתִּיּוֹת, יָכוֹל גַּם שָׁם לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ בְּחִינַת הִתְקַשְּׁרוּת הַנַּ"ל שֶׁנִּמְשָׁךְ מִבְּחִינַת תִּקּוּן קֶשֶׁר הַמֶּרְכָּבָה שֶׁל הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת, שֶׁעַל יְדֵי זֶה מַעֲלִין הַמִּשְׁפָּט וְהָאַהֲבוֹת הַנְּפוּלִין מֵהַתְּהוֹם; גם עיין שם הל' נזיקין ה"ה אות ט': **וְעִקַּר הָרֶפֶשׁ וְהַטִּיט שֶׁמַּשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לְשָׁם בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ הוּא מַה שֶּׁמּוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ וּמַשְׁלִיךְ אֶת עַצְמוֹ בְּעִמְקֵי תְּהוֹמוֹת שֶׁהֵם מְקוֹמוֹת הַנְּמוּכִים וְהַמְלֻכְלָכִים מְאֹד שֶׁל אֵלּוּ שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם בַּעֲוֹנוֹתֵיהֶם וְתַאֲוֹתֵיהֶם הָרָעוֹת שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת נְפִילַת הַמִּשְׁפָּט עַד הַתְּהוֹם.** וְהַצַּדִּיק בְּגֹדֶל רַחֲמָנוּתוֹ עַל צַעַר הַשְּׁכִינָה וְיִשְׂרָאֵל הוּא מַשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לְשָׁם כְּדֵי לְהַעֲלוֹת הַנְּפָשׁוֹת הַנְּפוּלוֹת מִשָּׁם מֵעִמְקֵי תְּהוֹמוֹת תַּחְתִּיּוֹת, **שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת רֶפֶשׁ וָטִיט שֶׁמַּשְׁלִיךְ הַצַּדִּיק עַצְמוֹ לְשָׁם בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ.** כִּי ה' יִתְבָּרַךְ חָפֵץ חֶסֶד וְרוֹצֶה בִּתְשׁוּבָתָן שֶׁל רְשָׁעִים וְאֵינוֹ חָפֵץ בְּמִיתָתָן וְחוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבַל יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח. וְהַצַּדִּיק שֶׁהוּא יוֹדֵעַ גֹּדֶל תְּשׁוּקַת ה' יִתְבָּרַךְ לָזֶה לְהַחֲזִיר אֵלָיו נִדָּחָיו עַל כֵּן הוּא מוֹסֵר נַפְשׁוֹ בִּשְׁבִילוֹ וּמַשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לִמְקוֹמוֹת נְמוּכִים כָּאֵלֶּה. כִּי זֶה עִקַּר הַנַּחַת רוּחַ שֶׁל ה' יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁאָמַר דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וַאֲנִי יָדִי מְלֻכְלֶכֶת וְכוּ', כַּמְבֹאָר מִזֶּה בְּמָקוֹם אַחֵר.

[כא] מעשה י' מספה"ק סיפורי מעשיות.

דער צדיק איז אזוי הייליג - ווי קען מען אויסמאלן וואו ער איז?! דער רבי זאגט אין תורה ע"ח[כב], מען קען גארנישט משער זיין אין מח דאס גרויסקייט פון דער וואס איז זוכה צו זיין א 'מחפש בגנזיא דמלכא'! מען קען גארנישט משער זיין זיין גרויסקייט - וואספארא תענוג דאס איז! און אט דער צדיק וואס איז דבוק אין 'גנזיא דמלכא' לאזט זיך אראפ און גייט אריין אין א צינור ארויסנעמען א נשמה! - אט דאס איז וואס ערווארפט זיך אריין אין 'רפש וטיט' ווייל דער אויבערשטער וויל אזוי! 'בשביל רצונו יתברך' לאזט ער אפ אינגאנצן זיין ארט, און גייט אריין דארטן ארויסנעמען א נשמה.

**"ולאו דווקא מצוה ממש, אלא כל דבר שיש בו רצון השי"ת הייסט אויך א מצוה. כי יש תרי"ג מצות, ואלו התרי"ג מצוות ישל להם ענפים רבים, וכל דבר שיש בו רצון השי"ת שעושין בו נחת לאביו שבשמים, הוא בחינת מצוה, וצריך להתגלגל עצמו בכל מיני רפש וטיט, כדי לעשות איזה רצון ונחת להשי"ת".**

**"ואזי כשאהבתו חזקה כל כך להשי"ת, עד שמסלק כל חכמתו ומשליך עצמו לרפש וטיט בשביל עבודתו יתברך, כדי לעשות לו יתברך איזה נחת, אזי הוא טובה להמוחין".**

**דער רבי זאגט דארטן אין דער מעשה ביים בערגער: "עס איז טאקע געווען צום אמת א שגעון", א ווילדע זאך; ער האט אויף גארנישט געקוקט. שפעטער האט ער זיך מיישב געווען - "וואס האט ער דא געטוהן?!"[כג].**

---

[כב] תניינא, וזל"ש: וּבִפְרָט מִי שֶׁזּוֹכֶה לִגְנְזַיָּא דְּמַלְכָּא - וּמַעֲלָה זוֹ אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר בַּמֹּחַ.

[כג] עיין ליקוטי עצות מהדו"ב ערך 'יראה ועבודה' אות ל"ח: וְלִפְעָמִים נִתְעוֹרֵר הָאָדָם מְאֹד בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְאֵיזֶה עֲבוֹדָה וְדָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, וְאָז יָכוֹל לַעֲשׂוֹת דָּבָר מְבֹהָל וּמַה שֶּׁנִּרְאֶה בֶּאֱמֶת לְשִׁגָּעוֹן, **וְאֵין שׁוּם שֵׂכֶל אָדָם שֶׁיַּסְכִּים לָזֶה אֵיךְ שֶׁיּוּכַל לְהַשִּׂיג דָּבָר זֶה**; אַךְ אַף עַל פִּי כֵן, מֵחֲמַת הִתְעוֹרְרוּת אֲמִתִּי שֶׁלּוֹ הַשֵּׁם מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ, וְזוֹכֶה לַעֲבֹר עַל כָּל הַגְּדֵרִים וְהַמְּנִיעוֹת וּלְשַׁבֵּר אֶת כֻּלָּם, עַד שֶׁזּוֹכֶה לִגְמֹר הַדָּבָר וּלְהוֹצִיא הַקְּדֻשָּׁה מִבֵּינֵיהֶם בִּשְׁלֵמוּת. וּבֶאֱמֶת הוּא לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע וְשֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי לְגַמְרֵי. אַךְ כָּל זֶה הוּא בְּחִינַת רָצוֹא, בְּחִינַת עָיֵל; **וְעִקַּר הַנִּסָּיוֹן הוּא אַחַר כָּךְ** כְּשֶׁהוּא בִּבְחִינַת וָשׁוֹב, כְּשֶׁחוֹזֵר וְשָׁב לְדַעְתּוֹ וּלְיִשּׁוּתוֹ, וְאָז חוֹזֶרֶת הַסִּטְרָא אָחֳרָא וְרוֹדֶפֶת אַחֲרָיו, וְהוּא מֻכְרָח לְהִתְחַבֵּא מִלְּפָנֶיהָ בְּכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי תַחְבּוּלוֹת, וְכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי מֵימוֹת חוֹלְפִין וְעוֹבְרִין עָלָיו וְכַמָּה וְכַמָּה נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', וּמִי **שֶׁזּוֹכֶה לְהִתְחַזֵּק גַּם אָז וְלַעֲבֹר עַל הַכֹּל בְּשָׁלוֹם - אַשְׁרֵי לוֹ.**

אין א הלכה רעדט רבי נתן קעגן חמץ מיט מצה[כד]; ביי 'מצה' טאר מען נישט זיך פארזאמען. שפעטער קען שוין זיין 'חמץ', 'ישוב הדעת'; אבער בשעת מען דארף ארויסגיין פון מצרים, איז 'מצה', אָן קיין שום 'חימוץ', אָן קיין שום 'שיהוי', אָן פאַרזאמען זיך, גיך גיך, לויף לויף! אזוי ווי דער בערגער האט געטוהן א ווילדע זאך, ער האט גארנישט געוואלט טראכטן, אלע וואַכן האבן זיך דערשראקן פאר אים... ער איז אריין פלוצלונג - און איר ארויסגעכאפט פון דארטן, דערנאך איז ער אריין אין די אלע זיבן ערליי וואסערן.

"וואס האב איך דא געטוהן?" - דאס האט ער זיך שפעטער באטראכט. טראכטן איז שוין אַן ענין פון 'חמץ'. אבער בשעת ער טוהט דער זאך, איז 'מַצה'. 'מצה' איז 'גיך גיך', אָן קיין שום 'שְהיה', מען קען נישט טראכטן, ראטעווע, לויף, פליה!

## נישט געקענט ווארטן...

דער רבי האט געזאגט טאקע אזוי: "ווען איך זאל געוועןן ווארטן - איך קען נישט ווארטן!".

---

[כד] הל' גילוח ה"ג אות י"ב, וזל"ש בא"ד: **"וְגַם צֵדָה לֹא עָשׂוּ לָהֶם"**, כִּי בְּחִינָה זוֹ יֶשְׁנָהּ **בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן**, כִּי כָּל אֶחָד וְאֶחָד כָּל זְמַן שֶׁהוּא מְשֻׁקָּע בְּתַאֲווֹת וְהֶבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה זֶה בְּחִינַת גָּלוּת מִצְרַיִם כַּיָּדוּעַ. וְיֵשׁ אֲנָשִׁים שֶׁהֵם מְשֻׁקָּעִים מְאֹד בְּטֻמְאַת מִצְרַיִם, בְּגִלּוּלֵי הַחֲטָאִים וְהָעֲווֹנוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלַן, וּמֵחֲמַת שֶׁהוּא מְשֻׁקָּע בְּתוֹעֲבוֹתָיו מְאֹד מְאֹד, עַל כֵּן אִי אֶפְשָׁר לְהוֹצִיאוֹ מִשָּׁם בְּשׁוּם תּוֹכָחָה וּמוּסָר, כִּי כְּבָר נִתְקַשֵּׁר בִּשְׁטוּתִים וַחֲטָאִים שֶׁלּוֹ כָּל כָּךְ עַד שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהוֹצִיאוֹ מִשָּׁם בְּשׁוּם פָּנִים אִם יִרְצוּ לְדַבֵּר לוֹ תּוֹרָה וּמוּסָר לְפִי מַדְרֵגָתוֹ, אֲבָל ה' יִתְבָּרַךְ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבַל יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח, וְעַל כֵּן הוּא יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו שׁוֹלֵחַ לוֹ לִפְעָמִים הִתְנוֹצְצוּת גָּדוֹל וְהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל בְּלִבּוֹ שֶׁיָּשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת כְּרוּזָא דִּלְעֵלָּא כַּיָּדוּעַ, וְצָרִיךְ הָאָדָם שֶׁיָּחוּס עַל נַפְשׁוֹ, וְתֵכֶף כְּשֶׁבָּא עָלָיו הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, תֵּכֶף וּמִיָּד יְמַהֵר לְהִמָּלֵט עַל נַפְשׁוֹ וְאַל יִסְתַּכֵּל לַאֲחוֹרָיו כְּלָל. בִּבְחִינַת מַהֵר הִמָּלֵט עַל נַפְשְׁךָ וְאַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ, בְּחִינַת אֹרַח חַיִּים פֶּן תְּפַלֵּס וְכוּ'. מֵחֲמַת שֶׁהוּא מְשֻׁקָּע בִּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים וְתַאֲווֹת כָּל כָּךְ. עַל כֵּן תֵּכֶף כְּשֶׁמַּתְחִיל לַחֲשֹׁב אֵיךְ וּמָה, וּבְאֵיזֶה אֹפֶן יִבְרַח מִתַּאֲוָתוֹ וּבְאֵיזֶה דֶּרֶךְ יִזְכֶּה לִתְשׁוּבָה וְכוּ', בְּוַדַּאי יַחֲזֹר וְיָשׁוּב לְאִוַּלְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, מֵחֲמַת שֶׁהוּא מְשֻׁקָּע וּמְבֻלְבָּל מְאֹד מְאֹד. **עַל כֵּן בִּתְחִלַּת הִתְעוֹרְרוּת הַתְּשׁוּבָה צָרִיךְ לִבְרֹחַ מִיָּד שֶׁמִּתְעוֹרֵר וְאַל יַבִּיט לַאֲחוֹרָיו כְּלָל יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה** יָחוּס עַל נַפְשׁוֹ וְיִבְרַח בְּחִפָּזוֹן מִמַּה שֶׁהוּא צָרִיךְ לִבְרֹחַ. וְזֶה בְּחִינַת פֶּסַח שֶׁאָז הָיָה יְצִיאַת מִצְרַיִם, שֶׁאָז נִתְגַּלָּה אוֹר רַב מִלְמַעְלָה כַּנַּ"ל, וְאָז תֵּכֶף וּמִיָּד יָצְאוּ יִשְׂרָאֵל בְּחִפָּזוֹן גָּדוֹל כִּי לֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ, כִּי אִם הָיוּ נִשְׁאָרִים שָׁם עוֹד רֶגַע אֶחָד, הָיוּ נִשְׁאָרִים מְשֻׁקָּעִים שָׁם כַּמּוּבָא, וכו' עיין שם בפנים.

דער טירהאוויצער מגיד, זלאטיפאלע איז געווען פון זיין מגידות, און דער רבי איז אריין אליין דארטן אָן קיינעם פרעגן. האט דער טירהאוויצער מגיד געזאגט דעם רבי'ן: **"ווען איר זאלט מיר געווען זאגן, וואלט איך אייך אריינגענומען אזוי מיט א כבוד!".**

דער מגיד האט נישט געהייסן קיין רבי. 'מגידות' האט געהייסן - ער האט אכטונג געגעבן אויף אסאך שטעט. אז ער פלעגט קומען אין שטאט אריין איז געווען יום־טוב, מען האט פארמאכט די קלייטן, מען האט זיך אנגעטוהן בגדי שבת.

פון דאס עצם 'פאָרן' זיינעם האט דער רבי נישט געהאלטן, פון כסדר ארומפארן. נאר וואס דען, **"א התעוררות פון תשובה וועט ווערן!".**

אז דער מגיד איז געקומען אין א שטאט אריין, האט מען פארמאכט די קלייטן און מען האט זיך אנגעטוהן 'בגדי שבת', איז געווארן א 'התעוררות לתשובה' - דאס האט ער געבראכט.

האט ער געזאגט צום רבי'ן: "ווען איר וואלט מיר געווען זאגן, וואלט איך אייך אריינגעפירט דארטן מיט א כבוד".

האט דער רבי געזאגט: **"איך קען נישט ווארטן!"** - עס שטייט אין "חיי מוהר"ן"[כה].

דער רבי האט חתונה געמאכט דער טאכטער אדל'ע אין חמעלניק - ביי רבי אברהם בער'ן. רבי אברהם בער איז געווען דעם "תולדות'עס" אַן איידעם. דער רבי האט זיך מיט אים משדך געווען, חתונה געמאכט דער טאכטער. דאס איז געווען אלול. און גלייך פון חמעלניק איז דער רבי אריין קיין זלאטיפאלע, קיינעם נישט געפרעגט, אינמיטן אלול פאר ראש השנה.

**"איך קען נישט ווארטן!"**

---

[כה] אות קי"ד: וְהָרַב הֶחָסִיד הַמְפֻרְסָם מַגִּיד מֵישָׁרִים מִטִּירָאוִויצֶע שֶׁהָיָה מֵאַנְשֵׁי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שָׁאַל אֶת פִּיו הַקָּדוֹשׁ: **מַדּוּעַ לֹא שְׁלַחְתֶּם אוֹתִי מִקֹּדֶם לְתוֹךְ הָעִיר זְלַאטִיפָּאלְיֶע, וְהָיִיתִי מְדַבֵּר עִם הַנְּגִידִים דְּשָׁם וְהָיוּ מְקַבְּלִים אֶתְכֶם לְתוֹךְ הָעִיר בְּכָבוֹד גָּדוֹל כָּרָאוּי.** הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: **אִם הָיִיתִי רוֹצֶה לְהַמְתִּין, הָיִיתִי נִכְנָס לְתוֹךְ הָעִיר זְלַאטִיפָּאלְיֶע עִם עֶגְלַת צָב בְּכָבוֹד גָּדוֹל מְאֹד, אַךְ אֵינִי יָכוֹל לְהַמְתִּין, כִּי אֲנִי מֻכְרָח מִן הַשָּׁמַיִם לִכְנֹס לְשָׁם.**

יענער ראש־השנה איז געווען זייער בכבוד, ראש־השנה איז דער גאנצער עולם געקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, זיי האבן איבערגעגעבן דעם רבי'ן די תפילות, דער רבי האט געשטעלט זיינע בעלי תפילות. נאר אויף יום־כיפור איז שוין דער עולם צעפאָרן זיך. איז דער רבי געבליבן - הייסט עס. האבן שוין געדאווענט די שטאָטישע בעלי־תפילות, אַן איידעם מיט א שווער האבן געדאווענט אלע תפילות דארטן יום־כיפור, זיי האבן זיך איינגעטיילט מיט די תפילות.

איז אויסגעקומען אז דער איידעם האט געדארפט דאווענען נעילה. און אינמיטן דאווענען איז ער געווארן 'נשתקל', דאס הייסט - ער האט נישט געקענט רעדן, ער האט געמוזט אוועקגיין פון דעם עמוד. שוין. האט אַן אנדערער געדאווענט.

אויף דער נאכט (- מוצאי יום כיפור) האט דער רבי א זאג געגעבן אויף דאס דאווענען פון דעם איידעם מיטן שווער: "זיי האבן געדאווענט 'במטבע של אברהם אבינו'!"... - זיי האבן געדאווענט מיט דער צורה פון 'מטבע של אברהם אבינו'; די 'מטבע' איז געווען 'זקן וזקנה' מצד זה, און 'בחור ובתולה' מצד זה; "דער איידעם האט געדאווענט ער זאל געפעלן דער שנור, און דער שווער האט געדאווענט ער זאל געפעלן דער שוויגער!"; האבן זיי געדאווענט 'מטבע של אברהם אבינו'...

- "איך האב געוואלט עפעס פועל'ן" - דער נעילה האט דער רבי געוואלט עפעס פועל'ן עפעס אזא מין זאך ביים אויבערשטן, "אז ער איז צוגעגאנגען, האב איך אים צוגעדריקט!" - אזוי האט דער רבי געזאגט.

דער איז געווען דער חשוב'סטער מענטש דארט אין זלאטיפאלע, פון די אלטע בעלי־תפילות, און ער איז געווען א חסיד ביים זקן, ביים שפאלער. זלאטיפאלע איז לעבן שפאלע. איז ער אוועק (אהין) - האט אנגעהויבן ווערן גרויסע התנגדות...

דעם רבי'נס זאך איז - "גיך גיך - אריין!".

דער רבי איז אפגעזעצן צוויי יאר אין זלאטיפאלע, פונקט צוויי יאר. דאס איז געווען תק"ס. און תקס"ב - אויך אין אלול - איז דער רבי געזעצן אויף דער פיר אוועקצופארן

קיין ברסלב. האט ער א זאג געגעבן[כו]: "כאן סבלתי 'תרתי גיהנום'; 'משפט רשעים בגיהנום איז דאך י"ב חודש' - און דא בין איך געזעצן צוויי יאר!".

און דארטן איז מקורב געווארן מקורבים, דארטן האט זיך געקאכט א קעסל פון אידישקייט, אינדרויסן איז געווען א פייער (פון התנגדות), און אינעווייניג האט זיך געקאכט, דער רבי האט געטוהן זיינס![כז]

(השואל: עס האט נישט געאַרט דעם זקן אז דער רבי איז אריין אין זיין רשות?) עס איז נישט געווען שייכות צו אים, דער 'רשות' איז שייך געווען צום מגיד. דער מגיד איז נישט געווען קיין רבי. 'מגידות' האט געהייסן אזוי ווי רבי נתן'ס שווער - רבי דוד צבי, ער איז אויך געווען, ער האט געהאט אסאך שטעט, 'שאריגראד' 'קרעמיניץ' 'מאהליב' 'מעזיבוזש', און ארום און ארום אסאך שטעט, ער האט געהייסן אזא מין 'לאנד'ס-רב'. א מגיד האט געהאט א דיעה איבער אלעס, איבער די שוחטים, אויף רבנים, אויף אלע מנהגים פון דער שטאט. און זלאטיפאלע איז געווען שייך צו דעם טירהאוויצער מגיד.

האט ער געזאגט טאקע: "ווען איר זאלט מיר זאגן, וואלט איך אייך ווען אריינגענומען מיט א כבוד!".

❖

## ס'קען נישט זיין רואיג

אין קאניבלאד איז געווען מתנגדים פריער. א מכתב איז דא פון רבי נתן[כח], מאלט ער אויס אין דעם מכתב וואספארא פורים זיי האבן געהאט, א געוואלד, א געוואלד. ער

---

[כו] עיין כל זה בחיי מוהר"ן אות קט"ו.

[כז] עיין חיי מוהר"ן אות קי"ד: וְגֹדֶל עֹצֶם הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהָיָה עָלָיו שָׁם, וְגֹדֶל הַיִּסּוּרִין שֶׁהָיוּ לוֹ שָׁם, אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר וּלְסַפֵּר **כִּי יָשַׁב שָׁם כְּמוֹ עַל קוֹצִים מַמָּשׁ** ... וְיָשַׁב שָׁם שְׁתֵּי שָׁנִים רְצוּפִים, **וְקֵרַב שָׁם הַרְבֵּה אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**. וְגַם הַצַּדִּיק מוֹרֵנוּ הָרַב יִצְחָק אַייזִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה נִתְקָרֵב שָׁם. וְאָמַר שָׁם תּוֹרוֹת הַרְבֵּה גְּבוֹהוֹת וְנוֹרָאוֹת מְאֹד! [עיין גם שיש"ק (חדש) ח"ב אות ת"י מה שהתבטא מוהרנ"ת זצ"ל בעת המחלוקת הגדולה: "**אינדרויסן קאכט זיך א פייער, אבער אינעווייניג ארבעט ווייטער דער פארבריק!**"].

[כח] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ג' תזריע שנת ת"ר: וְהֻכְרַחְתִּי לִשְׁבּוֹת פָּרָשַׁת פָּרָה הָעָבַר בִּקְהִלַּת קַנִיבְלַאד מַה שֶּׁלֹּא עָלָה עַל דַּעְתִּי וְשִׁלַּמְתִּי בְּעַד שַׁבַּת קֹדֶשׁ. **וְהֻכְרַחְתִּי לִשְׁמֹעַ פָּרָשַׁת פָּרָה בְּבֵית הַכְּנֶסֶת. כִּי יָרֵאתִי לֵילֵךְ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ, וְכֵן יְעָצוּנִי הַכֹּל** ... מֵחֲמַת הַמַּחֲלֹקֶת הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר עָלֵינוּ וְכוּ', **שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים**

**איז געווען א פורים אין טשעהרין, א התגלות אלקות, א געוואלד, א פייער פון קדושה האט געברענט; און דערנאך וואספארא שבת ער האט געהאט דערויף - בנס האט ער געקענט הערן דער קריאה פון 'פרשת פרה'...**

**זיי האבן אים געזאגט דארטן אז ער קען נישט אריינגיין דאווענען אין קיין חסידיש'ע שול, ער האט געמוזט הערן דער קריאה אין א בית מדרש - דארטן דאווענען פראסטע מענטשן, דארטן האט ער געהערט דער קריאה.**

**א לשון דארטן איז דא אין דעם מכתב - א געוואלד, מאלט ער אויס דעם פורים, און ער מאלט אויס דעם שבת.**

**איי! דאס איז געווען דעם רבי'נס זאך! דא האט זיך געקאכט א קעסל אין אידישקייט, א פאבריק! - דאס איז איינעווייניג, און אינדרויסן טוהט זיך וואס טוהט זיך!**

**אין דעם פייער** (וואס האט זיך געטוהן אין זלאטיפאלע) **איז מקורב געווארן אזעלכע גדולים צום רבי'ן, אזעלכע צדיקים, א געוואלד! און די תורות וואס דער רבי האט געזאגט - אַה! און אינדרויסן האט זיך געקאכט!** (- המחלוקת).

**עס איז דא צוויי זאכן; כאטש דער רבי האט א זאג געגעבן[כט]: "ער האט אייך צעבראכן אויף 'שברי שברים'!". פונדעסטוועגן האט דער רבי אויך א זאג געגעבן[ל]: "אז איך בין געקומען אין ארץ ישראל, האב איך געבראכט א מתנה - 'מחלוקת'!".**

**פאר אונז איז עס געווען א טובה; דער וואס איז טאקע געווארן מקורב, איז מקורב געווארן מיט אַן אמת[לא].**

---

**מֵחֲמַת זֶה לְקַבֵּל וְלִינֹק צוּף דְּבַשׁ אִמְרֵי נֹעַם שֶׁל אֲמָרוֹת טְהוֹרוֹת וְכוּ' שֶׁמְּחַיֶּה וּמֵשִׁיב כָּל הַנְּפָשׁוֹת הַנְּפוּלוֹת כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּהַתּוֹרָה תִּקְעוּ אֱמוּנָה סִימָן ה' לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא ... וּתְהִלָּה לָקֵל הָיָה לָנוּ פּוּרִים שֶׁל שִׂמְחָה בְּטְשֶׁעהְרִין. וְדִבַּרְתִּי תְּהִלָּה לָאֵל הַרְבֵּה מֵאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה עַד שֶׁרֻבָּם כְּכֻלָּם זָלְגוּ עֵינֵיהֶם דְּמָעוֹת הַרְבֵּה בְּתוֹךְ הַשִּׂמְחָה וְהַשְּׁתִיָּה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל פּוּרִים.**

[כט] עיין שיש"ק (החדש) ח"א אות נ"ז.

[ל] שם אות נ"ב.

[לא] עיין שיש"ק (החדש) ח"ב אות שכ"ט.

דער רבי זאגט דארטן אין א תורה[לב]: "וישב יעקב" - "ביקש יעקב לישב בשלוה - מיד קפץ עליו רגזו של יוסף". יעקב האט דאך עוסק געווען צו מגייר זיין גרים, איז וויבאלד ער איז עוסק אין מגייר זיין גרים, קען ער נישט זיצן 'בשלוה', אזוי ווי "אין מקבלין גרים לעתיד". 'בימי שלמה' איז דאך אזוי געווען, יעדער האט געוואלט ווערן א איד, די שענסטע אויך, די בעסטע איז דאך געווען ביי אידן. האט מען נישט אנגענומען קיין גרים.

'דו יעקב ווילסט זיצן בשלוה? דו ווילסט מגייר זיין גרים - ווילסטו זיצן בשלוה?' - "קפץ עליו רגזו של יוסף"! דער וואס וויל מגייר זיין גרים, דער קען נישט זיצן בשלוה, אויף אים מוז זיין מחלוקת.

דער רבי האט דאך עוסק געווען כסדר אין דער זאך - אין מקרב זיין מענטשן צום אויבערשטן, קען נישט זיין קיין שלוה, מוז זיין א קריגעריי.

❖

## אַ פּראָסטער עבד

**זאגט דער רבי: "מען דארף זיך מגלגל זיין בכל מיני רפש וטיט כדי לעשות איזה רצון ונחת להשם יתברך. ואזי כשאהבתו חזקה כל כך להשם יתברך, עד שמסלק כל חכמתו, ומשליך עצמו לרפש וטיט בשביל עבודתו יתברך כדי לעשות לו**

---

[לב] ליקוטי מוהר"ן סי' רכ"ח: **דַּע שֶׁכְּשֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בִּנְשָׁמָה שֶׁתּוּכַל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה וְלַעֲשׂוֹת גֵּרִים, אֲזַי הוּא יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ כִּבְיָכוֹל מְבַקֵּשׁ וְרוֹאֶה שֶׁיִּהְיֶה מַחֲלֹקֶת עָלָיו, כִּי 'אֵין מְקַבְּלִין גֵּרִים לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ וְלֹא בִּימֵי שְׁלֹמֹה'** (יְבָמוֹת כד) מִשּׁוּם שֻׁלְחַן מְלָכִים', כִּי אָז אֵינָן מִתְגַּיְּרִין מֵאַהֲבָה, רַק מֵחֲמַת שֶׁרוֹאִין גְּדֻלַּת יִשְׂרָאֵל, וְעִקַּר הַגֵּרִים הוּא כְּשֶׁמִּתְגַּיְּרִין בְּעֵת שֶׁיִּשְׂרָאֵל סְחוּפִים בְּעֹנִי וָדֹחַק, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה נ"ד): "מִי גָר אִתָּךְ, בַּעֲנִיּוּתֵךְ" וְכוּ' (שָׁם בַּגְּמָרָא): וְעַל כֵּן **בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה מַחֲלֹקֶת** עַל מִי שֶׁמַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם לְמוּטָב וּמְגַיֵּר גֵּרִים, כְּדֵי שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ שׁוּם שַׁלְוָה, כִּי אָז מִי שֶׁמִּתְקָרֵב אֵלָיו הוּא בֶּאֱמֶת, וַאֲזַי יָכוֹל לְגַיֵּר גֵּרִים בֶּאֱמֶת לֹא מִשּׁוּם שָׁלוֹם וָנַחַת כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: **"וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו"** וְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית פָּרָשָׁה ד'): "מְגוּרֵי אָבִיו" שֶׁהָיָה מְגַיֵּר גֵּרִים כְּמוֹ אֲבוֹתָיו, כְּמוֹ מְגִיּוּרֵי אָבִיו, וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שָׁם): "וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב" **'בִּקֵּשׁ יַעֲקֹב לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה, מִיָּד קָפַץ עָלָיו רָגְזוֹ שֶׁל יוֹסֵף'**, הַיְנוּ מֵחֲמַת שֶׁיַּעֲקֹב הָיָה מְגַיֵּר גֵּרִים, בְּחִינַת "מְגוּרֵי אָבִיו", עַל יְדֵי זֶה לֹא הָיָה יָכוֹל לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ הַגֵּרִים בֶּאֱמֶת, וְאִם יִהְיֶה לוֹ שַׁלְוָה לֹא יוּכַל לַעֲשׂוֹת גֵּרִים, כִּי אֵין מְקַבְּלִין גֵּרִים לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ כַּנַּ"ל.

יתברך איזה נחת, אזי הוא טובה להמוחין" - דער וואס ער לייגט אוועק די 'מוחין' און לאזט זיך אריין אין 'רפש וטיט', אים איז א טובה פאר די 'מוחין'.

"כי אזי זוכה להשיג אפילו מה שהוא למעלה מהמוחין, מה שגם משה בחייו לא השיג". וואס הייסט 'משה בחייו'? 'משה בחייו' הייסט - בשעת ער האט די מוחין, דאס הייסט 'משה בחייו'. 'משה בהסתלקותו' הייסט, אז ער לייגט אוועק די מוחין; אז ער לייגט אוועק די מוחין 'בשביל רצון השם יתברך', ער ווארפט זיך אריין אין 'רפש וטיט', איז ער זוכה צו אזעלכע זאכן וואס אויך 'משה בחייו' איז 'לא השיג זאת', דער אויבערשטער באצאלט אים, "ער איז דעמאלט משיג 'צדיק ורע לו, רשע וטוב לו'" (עיין גמ' ברכות ז), וואס 'משה רבינו בחייו' האט דאס נישט משיג געווען, "וואס אט דער ענין פון 'צדיק ורע לו, רשע וטוב לו', הייסט דאך אַן 'עוות המשפט', כי זה נראה כעוות הדין ח"ו, שגם משה בחייו לא השיג זאת".

וואס הייסט 'משה בחייו'? - טייטשט דער רבי: "היינו גם כשהמח בשלימות ואינו נסתלק, דאס הייסט 'משה בחייו', ווארום 'הסתלקות המוחין', 'בחינת שינה', דאס הייסט 'הסתלקות משה'. און 'קיום המוחין', בעת שהמוחין קיימים ואינם נסתלקין - דאס הייסט 'משה בחייו'".

איז אפילו די השגה וואס 'בחייו', ווען ער איז אין די מוחין, האט ער נישט משיג געווען - "וגם אז אין יכולין להשיג השגה הנ"ל, דהיינו להשיג מפני מה יש צדיק ורע לו וכו', אבל על־ידי שאהבתו חזקה כל כך בהשי"ת, שמשליך ומגלגל עצמו ברפש וטיט בשביל עבודתו יתברך, ועושה עבודות כעבד ממש בשביל אהבתו יתברך, אזי זוכה להשיג גם מה שבחינת 'משה בחייו', דהיינו בעת קיום המוחין, אין יכולין להשיג, דהיינו 'צדיק ורע לו, רשע וטוב לו'".

"כי יש בחינת 'בן'" - ער איז א 'בן' ביים אויבערשטן, "וואס ער איז 'מחפש בגנזיא דמלכא' אזוי ווי א 'בן' (עיין זוהר בהר קי"א:); ויש בחינת 'עבד', שאין לו רק לעשות עבודתו שנתנו לו, ואסור לו לשאול שום טעם וחקירה על עבודתו, כי הוא מחויב רק לעשות את שלו, דהיינו עבודתו שנתנו לו לעשות.

"אבל יש בן, שהוא אוהב כל כך את אביו, עד שמחמת האהבה הוא עושה מעשה עבד, מה שעבד פשוט צריך לעשות, והולך וקופץ בתוך הסוללות הגדולה

**(שקורין 'פאסי'), בתוך קשרי המלחמה, ומגלגל עצמו בכל מיני רפש וטיט כדי לעשות נחת רוח לאביו, מה שאפילו עבד פשוט לא היה עושה עבודות כאלו.**

**"ואזי כשאביו רואה אהבתו החזקה כל כך, עד שמשליך עצמו לעבדות גמור בשביל אהבתו, אזי הוא מגלה לו גם מה שאין נמסר אפילו לבן, כי אפילו הבן, שהוא מחפש בגנזיא דמלכא, אף על פי כן יש מקומות שגם הבן אסור ליכנס לשם, היינו שיש השגות שגם הבן אינו משיג אותם, אבל על ידי שהבן מסלק כל חכמתו ומשליך עצמו לעבדות כנ"ל, על ידי זה אביו מרחם עליו ומגלה לו מה שאינו נמסר אפילו לבן, היינו שנתגלה לו בחינת 'צדיק ורע לו, רשע וטוב לו', שגם משה בחייו לא השיג זאת".**

❖

אינגאנצן דעם רבי'נס זאך איז געווען אלץ די זאך פון 'תמימות ופשיטות'. ביי די וועלט הייסט עס גאר א פּראָסטקייט - 'ער זאגט תחינות'... - עס איז אזא מין פראסטע זאך, אבער אינגאנצן דעם רבי'נס זאך איז דאס געווען![לג]

מען ווייסט אז רבי נתן אין דעם טאג פון זיין הסתלקות האט ער א קרעכץ געטוהן: **"וואס מיינט איר קרעכץ איך? איך האב ממעט געווען בתורה ותפילה? - איך האב געהיט דער צייט! איך קרעכץ צו איך האב יוצא געווען דאס תמימות פון דעם רבי'ן!".**

**דא ליגט עפּעס א מין אמת!**

---

[לג] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"ד: הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם, הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים, **וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים, כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עִם הַכְּשֵׁרִים**, וכו' עיין שם; גם עיין שיחות הר"ן אות קנ"ד: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר, שֶׁעִקַּר מַה שֶּׁהִגִּיעַ לְמַדְרֵגָתוֹ הוּא **רַק עַל יְדֵי עִנְיַן פְּרָאסְטִיק** (פְּשִׁיטוּת) שֶׁהָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה וּמֵשִׂיחַ הַרְבֵּה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וְאָמַר תְּהִלִּים הַרְבֵּה בִּפְשִׁיטוּת. וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא הִגִּיעַ לְמַה שֶּׁהִגִּיעַ. וְאָמַר: אִם הָיִיתִי יוֹדֵעַ שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲשֶׂה מִמֶּנִּי מַה שֶּׁאֲנִי עַתָּה, דְּהַיְנוּ חִדּוּשׁ כָּזֶה, הָיִיתִי עוֹשֶׂה בְּיוֹם אֶחָד מַה שֶּׁעָשִׂיתִי בַּשָּׁנָה כֻּלָּהּ (כְּלוֹמַר שֶׁהָיָה מִזְדָּרֵז כָּל כָּךְ בַּעֲבוֹדָתוֹ עַד שֶׁמַּה שֶּׁהָיָה עוֹשֶׂה וְעוֹבֵד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּשָּׁנָה כֻּלָּהּ הָיָה עוֹשֶׂה בְּיוֹם אֶחָד). וְהָיָה מִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד אַחַר מַעֲלַת הָעֲבוֹדָה בִּבְחִינַת פְּרָאסְטִיק בֶּאֱמֶת וְאָמַר: **אַי אַי פְּרָאסְטִיק**. גַּם אָמַר שֶׁדִּבֵּר עִם כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים וְאָמְרוּ גַּם כֵּן שֶׁלֹּא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם כִּי אִם עַל יְדֵי עִנְיָן פְּרָאסְטִיק, שֶׁעָסְקוּ בַּעֲבוֹדָתָם בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וְכוּ'. **וְעַל יְדֵי זֶה הִגִּיעוּ לְמַה שֶּׁהִגִּיעוּ - אַשְׁרֵי לָהֶם!**; עיין גם חיי מוהר"ן אות תק"כ.

**דער רבי רעדט דא, ער מעג זיין ווער ער איז, נאר די עבודה זאל זיין בתמימות ובפשיטות אזוי ווי א פראסטער 'עבד', זאגן אסאך, א פראסטער 'עבד', דאס איז אינגאנצן דעם רבי'נס זאך!**

**דער רבי האט מודיע געווען דער זאך, אז דורך 'פּראָסטקייט' - דורכדעם וואס דער 'בן' מאכט זיך פאר אַן 'עבד' - איז ער אזוי זוכה וואס אפילו א 'בן' קען נישט קומען דערצו!**

**אינ'אמת'ן איז ער א 'בן' וואס ער איז א 'מחפש בגנזיא דמלכא', וואס דער תענוג פון דארטן קען מען גארנישט אויסמאלן, נאר פונדעסטוועגן, צוליב דעם רצון פון השי"ת ווארפט ער זיך 'ברפש וטיט' 'בשביל אהבתו יתברך' און ער טוהט אלע פראסטע זאכן אזוי ווי א פראסטער 'עבד'. אז דער אויבערשטער זעהט ער איז אזוי געטריי, איז ער אים מגלה אזעלכע זאכן וואס א 'בן' ווייסט אויך נישט.**

**אינגאנצן דעם רבי'נס זאך איז געווען נאר די זאך וואס דער רבי רעדט דא!**

**ביים רבי'ן איז געווען אזעלכע מיני מענטשן - ממש א געוואלד וואספארא מענטשן זיי זענען געווען - און די עבודה איז געווען אַן עבודה פון 'תמימות ופשיטות'.**

**די עבודה פון 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים' איז אויך אַן עבודה פון 'תמימות' - 'ער רעדט'...** (געווענליך) **א אידענע רעדט, מיט תחינות, תהלים, תפילות, דאס איז דאך עפעס א מין קליינע זאך - און דא איז ער דאך א מטייל אין 'גנזיא דמלכא', ער גייט דאך אויבן, דאס איז דאך עפעס געוואלדיגע זאכן; פונדעסטוועגן, דו ביסט טאקע אויבן, אבער פירן זאלסטו זיך פירן ווי א פראסטער עבד!**[לד]

---

[לד] עיין שיחות הר"ן אות ל"ג: שׁוּב פַּעַם אַחַת הָיָה מְדַבֵּר מֵאֱמוּנָה, עָנָה וְאָמַר: **אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן**. וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד. וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא **בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת** וַחֲקִירוֹת כְּלָל. **רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עִם הַכְּשֵׁרִים** מַאֲמִינִים; גם עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ד: **וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, אֲפִלּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ חָכְמוֹת בֶּאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת ה' בִּתְמִימוּת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת**. [וכמובא בספר בעש"ט עה"ת פר' שמות אות י' (מספר 'יסוד העבודה'), וז"ל: שמעתי מפי הצדיק ר"נ זי"ע (נראה ברור שכוונתו על הרב ר' נח מלעכוויץ) שהבעל שם טוב ז"ל אמר לתלמידיו: **אחרי כל השגות שהשגתי למעלה בשרשי התורה והמצוות ואחר כל התענוג מהשגותי, אני מניח את כל ההשגות ומחזיק אני באמונה פשוטה - "איך בין א נער - און גלייב!"**].

די גדולים וואס זענען געווען, אז זיי זענען געקומען צום דאווענען, איז אוועקגעלייגט אלע כוונות - כאטש ער איז א מקובל! ביים דאווענען - נאר 'פירוש המילות' און 'דביקות צום אויבערשטן'! פארוואס? בשעת עבודה דארף ער זיין א פראסטער 'עבד'!

## זיך אויסגעוואָרפן אין די הימלען

"וזה בחינת - א פסוק איז דא אין מלאכי (ג, יז) - 'וְחָמַלְתִּי עֲלֵיהֶם כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ'". עס שטייט: "על 'בנו' 'העובד' אותו". אינ'אמת'ן איז ער א 'בן' - און ער איז א פראסטער 'עבד'. "'העובד אותו' דייקא, היינו, ער איז א בחינת 'בן' שמשליך עצמו לעבדות, שמסלק כל חכמתו, ועושה מעשה עבד.

"וזהו 'בנו העובד אותו'". אינ'אמת'ן איז ער א 'בן' - און ער איז א פראסטער 'עבד'. "היינו 'בן' שעושה מעשה 'עבד' כנ"ל, על־ידי־זה 'וחמלתי עליו', כי על־ידי־זה השי"ת מרחם עליו, ווייל דער אויבערשטער זעהט 'אהבתו חזקה כל־כך', ומראה ומגלה לו בחינת 'צדיק ורע לו, רשע וטוב לו'".

"וזהו" - דער פסוק פירט דארטן אויס - "וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע בֵּין עֹבֵד אֱלֹקִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ". אט דאס איז דער 'וחמלתי עליו', "דהיינו שזוכה להשיג על־ידי־זה 'צדיק ורע לו, רשע וטוב לו' כנ"ל.

"וזה בחינת 'תיקון המשפט', ווייל ער איז זוכה להשיג 'צדיק ורע לו, רשע וטוב לו', שזה נראה כעוות המשפט, ועכשיו, כשזוכה להשיג ולהבין זאת, זה בחינת 'תיקון המשפט'. נמצא שעל־ידי רבי אמת עם תלמידים, נעשין ונתתקנין כל הבחינת הנ"ל".

ביים עגל האט משה רבינו אלץ אוועקגעווארפן און ער האט געשריגן צום אויבערשטן. דער מדרש זאגט[לה], "עס איז נישט געווען קיין ווינקל אין וואס ער האט זיך נישט אויסגעווארפן!". ער איז קראנק געווארן; "ויחל" איז א לשון 'קראנק'[לו]. ער האט זיך אויסגעווארפן אין אלע ווינקלעך אזוי ווי א פראסטער, ער האט זיך געווארפן

---

[לה] דברים רבה ג, יא.

[לו] עיין גמ' ברכות דף ל"ב ע"א.

אין אלע זייטן. אז ער האט געזעהן אז עס איז שלעכט, האט ער אוועקגעווארפן אלעס, געשריגן פערציג טעג, געהאלטן אין איין שרייען, אין איין וויינען, אין איין בעטן, דאס איז דאך א פראסטער 'עבד'.

וואס האט ער געשריגן? - זאגט דער מדרש[לז]: "מאך פון ביטער - זיס!" - 'עשה את המר מתוק'. אז ער האט געזעהן אז עס איז ביטער, האט ער זיך אזוי געווארפן - 'עשה את המר מתוק!'.

אז ער האט געזעהן אז עס איז דא א גזירה אויף אידן, אינ'אמת'ן דער אויבערשטער זאגט טאקע 'להשמידם', אבער דער אויבערשטער וויל דאך פארט - - ביי "וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי" האט ער אים געגעבן (א פתח)[לח], האט ער אוועקגעלייגט אלע 'גנזיא דמלכא', און זיך אויסגעווארפן; אט דאס איז א 'בן' וואס ער איז אַן 'עבד'.

אזוי (סתם) קוקט אויס, 'שגם משה בחייו לא השיג' - נאר 'בהסתלקותו'; ניין, 'משה בחייו' מיינט, בשעת ער האט די מוחין; אבער אז ער לייגט אוועק די מוחין, ער פירט זיך אזוי ווי א פראסטער 'עבד' - דאס איז 'לאחר הסתלקותו'.

דאס איז פשט[לט]: "מי מושל בי - צדיק!" - ער איז א מושל איבער דעם אויבערשטן. דער מדרש זאגט[מ], משה האט געזאגט: "דו האסט געזאגט אזוי - לאמיר זעהן ווער עס

---

[לז] שמות רבה מג, ג.

[לח] עיין שמות רבה מב, ט': "ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם". וכי משה היה תופש בהקב"ה שהוא אומר "הניחה לי"? אלא למה הדבר דומה, למלך שכעס על בנו והכניסו לקיטון, ומתחיל לבקש להכותו, והיה המלך מצעק מן הקיטון הניחה לי שאכנו. והיה פדגוג עומד בחוץ. אמר הפדגוג, המלך ובנו לפנים בקיטון, למה הוא אומר הניחה לי? אלא מפני שהמלך מבקש שאלך ואפייסנו על בנו, לכך הוא מצעק הניחה לי. כך אמר הקב"ה למשה, ועתה הניחה לי, אמר משה, מפני שהקב"ה רוצה שאפייס על ישראל לפיכך הוא אומר ועתה הניחה לי, מיד התחיל לבקש עליהם רחמים.

[לט] גמ' מו"ק דף ט"ז ע"ב.

[מ] דברים רבה ה, יב, וז"ל: "עין בעין נראה אתה ה'". מהו 'אשר עין בעין'? א"ר אחא בשם ר"ש בן לקיש, אמר משה, רבש"ע, הרי מדת הדין בכף מאזנים מעויין, אתה אומר 'אכנו בדבר', ואני אומר 'סלח נא', אמר לו, הדבר מוכרע, **נראה מי נוצח, אתה ה' - או אני**. א"ר ברכיה, א"ל הקב"ה, **חייך שלי בטלת ושלך קיימת**. מנין? שנאמר (שם) 'ויאמר ה' סלחתי כדברך', הוי 'ותגזור אומר ויקם לך'.

**וועט אויספירן - איך צו דו!", האט דער אויבערשטער געזאגט: "משה, דו וועסט אויספירן - נישט איך!"[מא].**

**אט דאס איז א מין עקשנות; עס איז דא א גזירה - ער קוקט נישט דערויף.**

**אז איינער איז א 'מחפש בגנזיא דמלכא' - ברענגט דער רבי דארט אין תורה ע"ח - מען קען נישט משער זיין דעם תענוג וואס דארטן איז דא! וואספארא אוצרות דארט איז! השגות אלקות! קענען דעם אויבערשטן! דאס איז עפעס - איין רגע תענוג פון דארטן איז בעסער ווי אינגאנצן די וועלט מיט אלע אירע תענוגים![מב] מען קען נישט משער זיין וואספארא תענוג דאס איז!**

**- לאזט ער אפ דעם תענוג, און וואלגערט זיך אוים אין אלע מיני זאכענישן... וואס איז? עס איז דא א גזירה אויף אידן, מען דארף העלפן, ער קוקט אויף גארנישט, אוועקגעלייגט אלעם; פארוואס? ווייל דער אויבערשטער וויל דאס!**

**בשעת המן האט געזאגט: "להשמיד להרוג ולאבד", זאגט דער מדרש[מג], דער אויבערשטער האט געזאגט, 'אז איך האב געזאגט 'להשמידם' - האט מיך נישט געהאלפן, עס איז געקומען משה און ער האט געזאגט 'ניין' - איז געווארן 'ניין', זאגט ער 'להשמיד'?!'...**

**דער אויבערשטער, אזעלכע מענטשן וויל ער האבן - וואס אז איך זאג א זאך, עס איז דאך א גזירה, קומט ער און ער איז מבטל.**

**אז דער אויבערשטער זעהט דעם אמת זיינעם וואס ער האט דערינען, און דאס מסירות נפש, פירט ער אוים!**

---

[מא] עיין ליקוטי הלכות הל' מילה ה"ג אות ח': בְּוַדַּאי ה' יִתְבָּרַךְ בְּכֹחוֹ וְחַסְדּוֹ הוּא יָכוֹל לְקַיֵּם הָעוֹלָם תָּמִיד בְּחַסְדּוֹ אֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁעָשׂוּ מַה שֶּׁעָשׂוּ כִּי מִי יֹאמַר אֵלָיו מַה תַּעֲשֶׂה, אַךְ ה' יִתְבָּרַךְ אַחַר שֶׁבָּרָא אֶת הָעוֹלָם וְנָתַן אֶת הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל מָסַר רְצוֹנוֹ בְּיַד יִשְׂרָאֵל. **וְהָעִקָּר בְּיַד צַדִּיק הַדּוֹר וְהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ** כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁרָמַז ה' יִתְבָּרַךְ לְמשֶׁה וְאָמַר לוֹ, "**וְעַתָּה הַנִּיחָה לִי", לְרַמֵּז לוֹ שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ.** וְעַל כֵּן עַכְשָׁו אִי אֶפְשָׁר לְגַלּוֹת הַחֶסֶד הַנֶּעְלָם הַזֶּה כִּי אִם הַצַּדִּיק הַדּוֹר שֶׁהוּא בְּחִינַת משֶׁה, כִּי הוּא דַּיְקָא מֻכְרָח לְגַלּוֹת הַחֶסֶד הַזֶּה, כִּי כְּבָר מָסַר ה' יִתְבָּרַךְ הַכֹּל בְּיָדוֹ וְהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ.

[מב] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז' אות ו'.

[מג] אסתר רבה ז, י.

**די גמרא זאגט[מד]: "לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד" - 'זמרו למי שמנצחין אותו ושמח'! דער אויבערשטער אז מען איז אים מנצח, איז ער פריילך! ער וויל דאס - "זיי מיר מנצח!"[מה].**

**דערפאר שטייט טאק ע[מו] , ווען משה רבינו איז נסתלק געווארן, האט דער אויבערשטער געשריגן: וַי, "מִי יָקוּם לִי עִם מְרֵעִים" - ווער וועט איצטער זיין פאר זיי?! ווער וועט זיך איצטער מוסר נפש זיין?! "וַי" - 'ווער?!'.**

**אט דאס הייסט א מנהיג - זאגט דער רבי[מז], א רחמן! א מנהיג דארף זיין א רחמן! ער לייגט זיך אוועק אינגאנצן, ער ווייסט אז די רחמנות פון דעם אויבערשטן איז אָן קיין גבול! דעם אויבערשטנ'ס רחמנות האט נישט קיין שום גבול! "ולגדולתו אין חקר" - 'כשם שאין חקר לגדולתו, כך אין חקר לרחמנותו'! עס איז אָן א סוף דעם אויבערשטנ'ס רחמנות![מח]**

**דער צדיק גראבט ווי ווייט עס איז דעם אויבערשטנ'ס רחמנות; כאטש ער זעהט פון אויבן-אויף אז עס איז שווער, גראבט ער אזוי פיל, ביז אזא מין רחמים גייט ארויס אז עס ווערט נמתק[מט].**

❖

---

[מד] פסחים קי"ט ע"א.

[מה] עיין עוד ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ד; שיחות הר"ן אות ס"ט; ליקו"ה הל' ברכת הראיה ה"ה אות י"ב.

[מו] מדרש תנחומא ואתחנן ו'.

[מז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז' עה"פ 'כי מרחמים ינהגם' עיי"ש אות ב' באריכות.

[מח] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה אות ט': **מִדָּה שֶׁל חֶסֶד נִקְרָא גְּדֻלָּה כַּיָּדוּעַ**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "לְךָ ה' הַגְּדֻלָּה", שֶׁהוּא חֶסֶד כַּיָּדוּעַ. נִמְצָא, שֶׁמִּדַּת חֶסֶד נִקְרָא גְּדֻלָּה, עַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁמַּשִּׂיגִים יוֹתֵר גְּדֻלַּת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מַשִּׂיגִים יוֹתֵר חֲסָדָיו יִתְבָּרַךְ, **כִּי חֲסָדָיו יִתְבָּרַךְ זֶהוּ עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ**; גם עיין שם הל' ר"ח ה"ז אות י"ז: כָּל תִּקְוָתֵנוּ הוּא עַל יְדֵי שֶׁאֵין יוֹדְעִין כְּלָל עַד הֵיכָן חֲסָדָיו מַגִּיעִים, כִּי **לִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר. וְעִקַּר גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ הוּא חֲסָדִים**, כִּי חֶסֶד נִקְרָא גְּדֻלָּה, וְכַמְבֹאָר מִזֶּה הַרְבֵּה בְּמָקוֹם אַחֵר.

[מט] עיין ליקוטי הלכות הל' ר"ח ה"ז אות נ"א: **הַצַּדִּיקִים חוֹתְרִים וְחוֹפְרִים מַעְיָנוֹת חֲדָשִׁים תָּמִיד. וְעִקַּר בִּשְׁבִיל נַפְשׁוֹת הָאֲבוּדִים לִשְׁלֹחַ לָהֶם מַיִם עַל פְּנֵי חוּצוֹת אֲפִלּוּ אוֹתָן שֶׁהֵם מִבַּחוּץ לְגַמְרֵי.**

# באהאלטן דעם גזר-דין

אין א תורה ברענגט דער רבי[נ]: "אית רחמים ואית רחמים" - א לשון פון זוהר; עס איז דא 'רחמים דזעיר אנפין', און 'רחמים דעתיקא סתימאה'. זאגט דער רבי דארטן, ווען מען זאל ממשיך זיין דער 'רחמים דעתיקא סתמאה' איז 'אין שום עוון ופגם חוצץ' - קיין שום עוון ופגם קען זיך נישט שטעלן קעגן דעם 'רחמים רבים' - אזא מין רחמים איז דא ביים אויבערשטן!

די צדיקים, זיי ווייסן אז אזעלכע מיני רחמים איז דא ביים אויבערשטן!

דער רבי זאגט דארט; בשעת דער כהן גדול איז אריין אין בית המקדש אריין (האט אים דער אויבערשטער געבעטן:) "ברכֵני!", האט ער אים געבענטשט - "שיכבשו רחמיך את כעסך" (וכו')[נא].

עס איז נישט צו פארשטיין, וואס הייסט ביים אויבערשטן 'שיכבשו רחמיך את כעסך'? דער רבי טייטשט דארטן איין, מען דארף דערביוועקן די 'רחמים רבים'. דער 'כעס' פון דעם 'מידת הדין', דאס איז 'תורה'; נאר דער 'רחמים רבים' זאל כובש זיין דעם 'כעס', זאל כובש זיין דעם 'מידת הדין' וואס דאס איז על־פי תורה. אז דער אויבערשטער ווערט אין כעס, איז דאך עס תורה. וואס הייסט ער ווערט אין 'כעס'? ווייל די 'תורה הקדושה' זאגט אזוי!

האט ער געבעטן "שיכבשו רחמיך את כעסך", און דער אויבערשטער האט אים צוגעשאקלט - "יא, אזוי טאקע".

"די 'רחמים רבים' וואס דו האסט, זאל כובש זיין דעם 'כעסך', דעם 'מידת הדין', דער 'תורה', עס זאל נמתק ווערן!".

אזא מנהיג וויל דער אויבערשטער, ער זאל תמיד נאר זוכן זכותים אויף אידן און דַן זיין לכף זכות, נאר זוכן זכותים, נאר זוכן זכותים, דאס איז דער קיום פון דער וועלט!

---

[נ] ליקוטי מוהר"ן סי' ק"ה, וזל"ש בסוף התורה: רַחֲמָיו הַגְּדוֹלִים אֵינָם נִפְסָקִים לְעוֹלָם, וּכְשֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלֵינוּ בְּאֵלּוּ הָרַחֲמִים, **בְּוַדַּאי אֵין שׁוּם עָוֹן וּפְגָם שֶׁיִּהְיֶה חוֹצֵץ בִּפְנֵי אֵלּוּ הָרַחֲמִים הַגְּדוֹלִים**, וּבְוַדַּאי יִהְיֶה לָנוּ יְשׁוּעָה בִּשְׁלֵמוּת.

[נא] מובא בגמ' דף ז'.

זיי האלטן אויף דער וועלט! די צדיקים וואס זענען אזעלכע רחמנים און במסירות נפש זוכן זיי נאר די 'רחמים' פון דעם אויבערשטן, דאס איז דער קיום פון דער וועלט![נב]

דער רבי ברענגט אין א תורה[נג], די צדיקים הייסןביים אויבערשטן 'רגלין', 'שליחים'. פארוואס הייסן זיי ביים אויבערשטן 'רגלין'? ווייל זיי זענען זיינע שליחים, ער שיקט זיי, ער שיקט זיי - 'גייט' (להוכיח את ישראל). נאך איז 'רגלין' - על־שם 'העצה', ווייל דער אויבערשטער איז זיך מתייעץ מיט זיי.

זאגט דער רבי דארט, אבער בשעת ער שיקט זיי, זאגן זיי נישט אויס אז עס איז דא אזא מין גזירה אויף דער וועלט. "וּבְמֹסָרָם יַחְתֹּם"[נד]. בשעת ער מוסר'ט די אידן זאגט ער נישט אויס אז עס איז דא אזא מין גזירה אויף דער וועלט. ער מוסר'ט זיי, אבער ער זאגט נישט אויס דער גזירה. טאמער זאגט ער ארויס מיטן מויל, איז שוין א קטרוג עס זאל מקויים ווערן; פארבאהאלט ער עס, ער איז מעלים און מסתיר דעם גזר-דין.

"ובמוסרם יחתום". 'יחתום' מלשון 'חותם'. בשעת ער מוסר'ט זיי, פאר'חתמ'עט ער אויך, ער זאגט נישט אויס.

ביים בעל שם הקדוש איז געוועזן דער מוכיח - "רבי לייב מוכיח", ער איז געוועזן פון דעם בעל שם הקדוש'ס תלמידים. איז ער אריינגעקומען אין א שטאט אריין, האט ער געזעהן אז די שטאט דארף פארברענט ווערן רח"ל, עס איז געוועזן עפעס א גזירה. האט ער זיי גע'מוסר'ט און ער האט דערמאנט טאקע דאס דאזיגע אויך. איז די שטאט פארברענט געווארן.

**האט דער בעל־שם אים געזאגט: "לייב, האב איך נישט געזעהן וואס דו זעהסט? פארוואס האסטו געדארפט דערמאנען אז די שטאט דארף פארברענט ווערן?!".**

**'פארוואס האסטו דאס געדארפט דערמאנען מיטן מויל?!'**

---

[נב] עיין ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ו אות י"ז: **וְכֵן עַכְשָׁו לוּלֵא כֹּחַ הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁמְּלַמְּדִים עָלֵינוּ זְכוּת וּמְחַזְּקִים אוֹתָנוּ עַל פִּי הַדְּרָכִים הַקְּדוֹשִׁים הַנַּ"ל, לֹא הָיָה כֹּחַ לִסְבֹּל מְרִירוּת הַגָּלוּת בִּכְלָלִיּוּת, וּבִפְרָט הַגָּלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד.**

[נג] ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב אות א'.

[נד] איוב לג, טז.

**עס האט שוין נישט געהאלפן קיין שום זאך.**

**'איך האב דאך אויך געזעהן וואס דו זעהסט', האט ער אים גע'מוסר'ט - 'וואס האסטו געדארפט דערמאנען דעם ווארט?!'.**

**זעהען מיר אז די צדיקים זענען אזוי פיל - - דערפאר טאקע הייסט ער "בְּכָל בֵּיתִי 'נֶאֱמָן' הוּא"[נה] - "'וְנֶאֱמַן' רוּחַ 'מְכַסֶּה' דָבָר"[נו], ער איז דער 'נאמן' ביים אויבערשטן, ער זעהט אלעס - און ער פארדעקט, ער זאגט נישט, אט דאס איז דער קיום פון דער וועלט![נז]**

**לזכרון בהיכל ה'**

| | |
|---|---|
| **מו"ה יצחק יעקב**<br>**ב"ר מרדכי הלוי ע"ה**<br>**נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג** | **מרת רוחמה שרה**<br>**בת ר' יצחק ע"ה**<br>**נלב"ע י"ב שבט תשע"ט** |
| **מרת פיגא רבקה בת**<br>**ר' חיים צבי ע"ה**<br>**נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב** | **מו"ה יעקב ב"ר**<br>**שמואל הכהן ע"ה**<br>**נלב"ע י"ג אייר תשפ"א** |

**תהא נשמתם צרורה בצרור החיים**

---

[נה] במדבר ב, יז.

[נו] משלי יא, יג.

[נז] עיין ליקוטי הלכות הל' ציצית ה"ה אות י"א: וְעַל כֵּן נִקְרָא זֶה הַצַּדִּיק "צִיר נֶאֱמָן לְשׁוֹלְחָיו" - **עַל שֶׁהוּא מוֹסֵר נַפְשׁוֹ בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל.**